NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13003

DI ZUNIKE

Kornei Ivanovich Chukovskii

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-13003-6

9780657130039T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ק. טשוקאָווסקי

די זוניקע



אוקרנאַצמינדפֿאַרלאַג

13/6052

ק. טשוקאָווסקי

די זוניקע

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
אין פרעסע ארכיוו

PRINTED in U S. S. R.

מעלוכע־פארלאג פאר די נאציאָנאלע מינדערהײטנ אינ אוסר״ר
כארקאָוו 1934 קיִעוו

פאראנטוו. רעדאקטער — אי. סוז'ארסקי.
געמעלנ — קיזעוואלטער. הילע און
פאָרזאצ — אי. פלעשטשינסקי. טעכ־
נישער רעדאקטער — כ. ליומקיס.
קאָרעקטער — אי. שטולמאנ. פאפיר
110×72—50 קג. 3 3/4 דרוקבויגנ. 120 ט.
צייכנס אינ א פאפיר־בויגנ. פארלאג־נומער
E — 186. אפגעגעבנ אינ זאצ 16/IX—1933,
אונטערגעשריבנ צום דרוק 3/I—1934.
2־טע אינטערנאצ. דרוקעריי אופ״ס, קיעוו,
רויסער פלאצ 2־a, באשטעלונג נומ. 1036.
טיראזש 3000 עקז. הויפטליט 2879 (786).

ערשטער טײל

באם װארעמען יאם

1. אוי, כ׳האָב מוירע!

דער דאָקטער איז געװען רונד, װי א קײַלעכ. גערופנ האָט מען אים דאָ באראבאנ בארабאניטש. ער האָט זיכ ארײַנגעקײַקלט צו סעריאָזשענ אינ צימער ארײַנ אונ האָט זיכ צו אים אָנגערופנ מיט אזא סיםכע, פונקט װי ער װאָלט אים פאָרגעלײגט צוצושטײנ צו עפּעס זײער א פרײלעכער שפּיל:

— נו, אָפּודעלע־נאמודעלע, װײַז אָקאָרשט אהער דײַנ קאָפּיטע.

סעריאָזשענ האָט װײ געטאָנ א פוס, איז באראבאנ באראבאניטשנ אײַנגעפאלנ זאָגנ אפנ פוס, אז ס׳איז א קאָפּיטע.

ער האָט א היפּשע װײַלע באטראכט סעריאָזשעס פוס, אים געמאָסטנ מיט עפּעס אועלכע צירקולנ אונ צוגעבורשעט בײסמײַסע: „אויסגעצײכנט, זײער פײַנ״. אונ פונ יענער זײַט טיר האָט מען געשריגנ:

— דעם עק! דעם עק! אוי! ער האָט זיכ פארטשעפּעט פארנ בוים!

— זאָיא לװאָװנא, טשעפּעט מיר זאָפּ מײַנ עק!

— בובא, בובא, װאָס האלסטו צו? לאָז אָפּ!

— זאָיא לװאָװנא, ס׳איז מײַנער! איר זעט? ער האָט אויסגעכאפּט, אונ גיט ניט אָפּ!



די אלע געשרייען האָבן אָנגעוואָרפן אפ סעריאָזשען א מוירע. סעריאָזשא איז געלעגן אין גרויס היץ. ס'האָט זיך אים אויסגע־וויזן, אז דאָרטן, פון יענער זײַט וואַנט, העפקען אום עפּעס אזעלכע באשעפענישן גרויסעקיקע, און זיי האָבן זיך אופגענומען אן ארבעט אָפּסקובען איינס באַם צווייטן די עקן. ער האָט שוין געוואָלט נעמען און זיך צעוויינען, דערנאָך האָט ער כאראָטע געהאט, און נאָר שטיל א זאָג געטאָן:

— אוי, כ'האָב מוירע.

דער דאָקטער האָט אים א קיצל געטאָן מיטן פינגער אין בויך און ער האָט זיך אויסגעקײַקלט דורך דער אָפענער טיר פון צימער ארויס.

פין יענער זײַט טיר האָבן זיך געטראָגן געשרייען:

— אוי, פראנקרײַך איז איװעקגעפֿלױגן! האַלט זי! כאַפּט זי!

— בובאַ, גיב אָפּ דאָס פּינפּיאָר.

— זאָיאַ לוואָװנאַ, אָנאָ ליגט לעבן אײַך אַמעריקע. דערלאַנגט זי מיר!

סעריאָזשאַ האָט גאָרניט פֿאַרשטאַנען. וואָס פֿאַרא בובאַ? וואָס פֿאַרא אַמעריקע? װעגן וואָס שרײַען זיי עס, דידאָזיקע באַשעפֿענישן מיט די לאַנגע עקן?

סעריאָזשען האָט מען אַהער געבראַכט צו פֿירן פֿון װײַט. די רײַזע האָט אים פֿאַרמאַטערט. איצט האָט ער אָפּגערוט נאָך אַזאַ װײַטן און שווערן וועג. מע האָט אים דאָ אויסגעבאָדן אין אַ וואַרעמער וואַנע, מע האָט אים אונטערגעשוירן די היטשקע, אים אַרומגעבונדן די קראַנקע קני און אים אַװעקגעלייגט אין איזאָליאַטער אין אַ באַזונדער צימער.

אין איזאָליאַטער איז געווען ציכטיק און העל. געערדט האָט מען דאָ שטילינקערהייט, אומגעגאַנגען איז מען אויף די שפּיץ פֿינגער. שפּערלעך פֿלעגן אַהער קומען צו פֿליִען גאַנצע שאַרעס־װײַז. זיי האָבן עפּעס גאָר קיין מוירע ניט. אַבי זיי דערפֿילן אַ פּאָר ברעקלעך, שעמען זיי זיך ניט און פֿליִען אַרויף גלײַך צו סעריאָזשען אויפֿן בעט.

— אוי, זיי זײַנען דאָך אַזעלכע אויספּענעמער, — האָט זיך זאָיאַ לוואָװנאַ אָפּ זיי געקלאָגט און האָט געפּלעסקעט אַנקעגן זיי מיט די דאָלאָניעס, טאָמער וועלן זיי אַוועקפֿליִען.

זאָיאַ לוואָװנאַ איז געווען אַ גראָע און זייער אַ זשוואַווע. אַלע רעגע כאַפּט זי זיך אַרײַן צו סעריאָזשען, ברענגט אים צו טראָגן מילך און הערט ניט אויף אָנצודערציילן זאַכן אָפּן שרעקלעכן בובען. ער איז נאָר געקומען צו פֿאָרן אַהער, האָט ער זיך באַלד איבערגעגעסן מיט ציין־פּראָשעק.

— מע האָט אים דערלאַנגט, ער זאָל זיך וואַשן די ציין, האָט ער געכאַפּט און... דאָס גאַנצע קעסטל... יאָ, יאָ... אוי, דאָס איז דאָך אַזאַ מין כוליגאַן.

פאר זאָ'א לוואָוונעג האָט סעריאָזשא ניט מוירע געהאט אפילע קיין קאפ. מוירע געהאט האָט ער נאָר פאר די, וואָס פון יענער זייט טיר: די, מיט די לאנגע עקן, וואָס דערען זיך. מאלפעס אזעלכע קוויטשענדיקע.

2. דער ווינט

נאָר איינמאָל א גאנצפרי קומט ארייַן צו סעריאָזשען עפעס א גוואר מיט צוויי לאנגע וואָנסיעס, טוט א ווונק מיט איין אייגל.

— אנו, יאטל, געפאָרן זאָל ווערן.

און ער האָט אים ארויסגעטראָגן דורך דער מוירעדיקער טיר.

סעריאָזשא איז פארציטערט געוואָרן פאר שרעק, אָבער אז די טיר האָט זיך געעפנט, האָט ער דערזען פאר זיך ניט קיין שטייַג, ניט קיין באשעפענישן מיט לאנגע עקן, נאָר ווייער א פריילעכע כאָפטע קינדער, און ניט געקוקט, וואָס זיי זייַנען אלע געלעגן אף די בעטלעך, האָט עס זיי געטראָגן אין דער וועלט ארייַן.

די בעטן זייַנען, געוויינטלעך, געשטאנען און זיך ניט גערירט פון אָרט, אָבער ס'איז דאָ געווען אזא מין פריילעכער און זוניקער ווינט אף דעם־אָ פלאצ, ס'האָט זיך דאָ געטאָן אזא פילמארביקער גערודער, אז סעריאָזשען האָט זיך די ערשטע צייַט טאקע אף אַן עמעסן אויסגעוויזן, אז די בעטן פליִען אום, ווי די שיפלעך, איינס נאָכן צווייטן, און שפילן זיך אין איבעריאָגעניש.

אָהאָ־האָ, סארא מין שטארקער ווינט! סעריאָזשען האָט זיך אויש פארדרייט דער קאָפ. ער האָט געזען, ווי פארבייַ אים — סייַ אף דער ערד, און סייַ אינדערלופטן — יאָגן, פליִען און שוועבן אום מעשוגענערווייַז עפעס אזעלכע מינים שמאטקעלעך, שפענדלעך, פעדערלעך, טאשמעס, פעדעטלעך, פאפירעלעך, פודעלעך, און די



גאַנצע כאַפּטע כּעוורע, וואָס איז געלעגן אַפּ די בעטלעך, האָט ניט אופגעהערט זיי נאָכצושרײַען:

— כאַפּט! האלט! הייבּט אופ! דערלאַנגט!



די דערוואַקסענע אין בלויע און אין ווײַסע רעק האָבּן אַלע רענע אופגעכאַפּט פון דער ערד עפּעס אַן אַנטלויפנדיקע זאַך, און זי אוועקגעשטעלט אַפּ איר אָרט. אָבער ווי די־אָ קערן זיך נאָר אָפּ, אַזוי כאַפּן די זאַכן און אַנטלויפן ווידער, און די מענטשן נעמען זיי ווידער יאָגן.

און איבער די בעטן, איבער די קינדערשע קעפּ, האָבּן משוגענערווײַז געפלאַטערט און זיך אומגעטראָגן אַפּן ווינט עפּעס אַזעלכע קלײנינקע פּאַפּירענע שלענג—און עפּשער ניין, ניט קיין שלענג, נאָר פּאָשעטע פּאַפּירלעך אָנגעבונדן אַפּ פעדעמער, צענדליקער פּאַפּירלעך. אָטאָ פליען זיי אופ, אָטאָ פאַלן זיי אַראָפּ און פּאַרטשעפּען די דורכלויפנדיקע מענטשן.

סעריאָזשען האָט מען געוואָלט געוועזן צודעקן מיט אַ לײַלעך. אָבער דער לײַלעך האָט זיך אַ פּאָרע געטאָן, האָט זיך גענומען צופען, און איינמאָל ניין, ער וויל זיך נאָר אַרויסרײַסן פון די הענט.

קאָם מיט צאָרעס באַוואָרנט דעם לײַלעך, איז זיך מעיאַשעון די „פּיאָנערסקאַיאַ פּראַוודאַ" און פליט אַוועק טיר־האַ־האַ, און לויפ, זײַ אַ בעריע, און כאַפּ זי. נאָך דער „פּראַוודאַ" איז אַוועקגעפלויגן דער ווײַסער לײַוונטענער קאַפּעליוש, און אין אַ רעגע אַרום איז פון

דעם שכײנישנ בעטל אראָפּגעפלויגנ א העפט מיט געמעלנ; האָט זי דער ווינט פּיטש־פּאטש א בלעטער געטאָנ פונ טאָוול ביז טאָוול, און פײַל־אויסנ־בויגנ אוועקגעפערט צו יענעם־אָ בוים, וואָס איז געשטאנענ באם ברעג פלאצ.

א בוים איז עס געווענ אפּ כידושים: ארומגעטשעפּעט פונ אלע זײַטנ מיט שמאטקעס און מיט פּאפּירלעכ — רויטע, גרינע, גרויע, בלויע, — און זיי רוענ ניט אײַנ, זיי רײַסנ זיכ, ווי די לעבעדיקע. דו לאָז זיי אָקאָרשט אָפּ, וועלנ זיי די רעגע אוועקפליִענ אהינ העט־העט אינדערלופטנ.

— דאָס איז אונדזער געשלײערטער בוים, — האָט סעריאָזשע אײַנגערוימט א הויקערדיק יאטל, רויט ווי א פײַער, וואָס איז מיט אים געלעגנ א בעט לעם א בעט. — מיר לאָזנ מאָנאכנ, נעמענ זיי און פארטשעפּענ זיכ דאָ אלע.

— א געשלײערטער בוים? מאָנאכנ? פארטשעפּענ זיכ?

סעריאָזשא האָט דאָ קײנ זאכ ניט פארשטאנענ, אינ קאָפּ האָט זיכ בא אים געטאָנ א הר־הא. האָט ער פארמאכט די אויגנ, און ס׳האָט זיכ אים ווידעראמאָל אויסגעוויזנ, אז ער איז בא זיכ אינ בעט, ווי אינ א שיפל, ער פליט צוזאמענ מיט אלע פּאפּירלעכ, שמאטקעלעכ, בלײַערס און העפטנ, — גלײַכ אהינ, צום געשלײערטנ בוים...

3. די כאפּעלקעס

און פלוצים האָט אײנ״ר מיט א וויינענדיקנ קאָל אויסגעשריגנ:

— קאָסטיא! לאָז אָפּ מײַנ כאפּעלקע!

סעריאָזשא האָט זיך פונסניי דערשראָקנ.

א כאפעלקע? אוואדע איז עס א מינ פויגל אזא, אָדער גאָר א כייעלע אינ א וועהעוּרקע געראָטנ. וואָס מוטשעט ער די כאפעלקע? ס'טוט דאָך איר וויי!

אָבער דאָס קירפאטע מיידעלע, וואָס איז קונציק אומגעשפרונגענ אפ איר איינציקער מיליצע, האָט אים געגעבנ צו פארשטיינ, אז א כאפעלקע — דאָס איז פראָסט אונ פּאָשעט א לאנגער פאָדעם אזא, וואָס צום עק איז בא אים צוגעבונדנ עפעס א שווערע זאכ, נו, לאָמיר זאָגנ, א שליסל, נו, א בלייער, נו, א קאָפיקע.

— אָנאָ זע, טו א קוק אפ אילקאָענ. ער איז בא אונדז דער בעסטער כאפעלניק.

סעריאָזשא האָט דערזעהנ ניט וויים פונ זיכ א דאר, שווארצינק יאטל, וואָס האָט געהאלטנ אינ האנט א פאָדעם, אונ אפנ עק פאָדעם איז געהאנגענ א ביינערנער רינג.

פונקט אינ דער־אָ רעגע האָט דער ווינט געקייקלט איבערנ פלאצ א נאָר־וואָס אופגעכאפטע פילקע. דאָס שווארצינקע יאטל האָט זיכ אָנגעצילט, האָט א שליידער געטאָנ דאָס רינגל, א צופּ געטאָנ פארנ פאָדעם — האָפ! — אונ אָט איז שוינ די פילקע בא אים אפנ בעט. בראוואָ, בראוואָ! פונקט ווי אינ צירק.

סעריאָזשא האָט א קוק געטאָנ אפ אילקאָענ מיט באוווּנדערונג. אילקאָ האָט א פינטל געטאָנ מיט אנ אייגל אונ זיכ גענומענ באריטענ מיט זיינ געשיקטקייט: ער האָט א שליידער געטאָנ דאָס רינגל צו א ווייטער קלומבע, האָט סונדאָרטנ ארויסגעריסנ א האָריק בלימעלע, אונ אינ א רעגעלע ארום האָט ער עס שוינ געהאלטנ בא דער נאָז אונ זיכ הויכ אפ א קאָל געקוויקט מיט די גוטע ריכעס.

„אזא מינ קאָנ זיכ שוינ באגיינ אָנ פיס אויכ, — האָט סעריאָזשא א קלער געטאָנ, — מיט זיינ פאָדעם וועט ער זיכ דערלאנגענ אלצ, וואָס ער דארפ".

אילקאָ האָט ניט אראָפּגענומען דאָס בליטל פֿונ דער כאַפּעלקע און עס א שליַידער געטאָן גליַיכ צו סעריאָזשען:

— היי, נײַינקער, נא דיר א רויז.

סעריאָזשא האָט זיכ דערפֿרייט. א דאנק! א דאנק! אָבער די רויז האָט זיכ א ריס געטאָן אפּ צוריק מיט א פּײַפּ און איז אוועקגעפֿלויגנ.

סעריאָזשא איז בא זיכ אראָפּגעפֿאלנ און ער האָט זיכ פֿאר־שעמט.

— ווארט נאָר, ווארט, — האָט זיכ אָנגערופֿנ צו סעריאָזשענ זײַנ געלער שאָכנ. און ער האָט ארויסגעכאפּט בא זיכ פֿונ אונ־טערנ מאטראצ א צווייטע כאַפּעלקע, וואָס האָט פֿארמאָגט באם עק אנ אָנגעבונדענע יונגע קארטאָפֿליע.

— העי־העפּ! — די קארטאָפֿליע האָט א פּײַפּ געטאָן איבער סעריאָזשעס קאָפּ, איז ארופּגעפֿלויגנ אפּ אילקאָס כאַפּעלקע, און אינ א רעגע ארום האָט זי זיכ אומגעקערט צום געלינקנ ניט מיט ליידיקנ.

— נא, נעמ! — האָט זיכ דער געלער אָנגערופֿנ און א וואָרפֿ געטאָן דאָס בליטעלע צו סעריאָזשענ אפּנ בעטל. — אונ איצט, אויב דו ווילסט, קענסטו קוקנ, ווי איכ וועל לאָזנ מײַנ שוואנ שווימענ.

די שוואנ איז בא אים געווענ אנ אויסגעקלעפּטע פֿונ עפּעס, האָט ער זי ארופּגעפּאסט אפּ זײַנ כאַפּעלקע און פֿארוואָרפֿנ גלײַכ אינ פֿאס וואסער, וואָס איז געשטאנענ באם געשלייערטנ בוים.

די פֿאס איז געווענ פֿול ווי אנ אויג; האָט סעריאָזשא געזענ, ווי די שוואנ האָט זיכ אומגעהוידעט אפּ דער וואסער־פֿלאכ ט'אהער, ט'אהינ, אז ס'איז טאקע געווענ א כיינ צו קוקנ, און דאָס געלינקע יאטל האָט געהאלטנ אינ אײַנ קוועלנ און קלײַבנ נאכעס. פּלוצים, איז ווי א שפּארבער אָנגעפֿלויגנ אפּנ געלינקנס



ווײַסן פויגל דעם שוואַרצן אילקאָס כאַפּעלקע. די כאַפּעלקע האָט זיך אַרומגעוויקלט דער שוואַנץ אַרום האַלדז און גענומען זי אַזוי שטאַרק שלעפּן צו זיך, אַז זי האָט איר שיִר אינגאַנצן דעם קאָפּ ניט אָפּגעריסן.

דאָס גאַנצע יאַטל האָט געמאַכט אַ גוואַלד און האָט מיט אַלע קוילעס אַ שלעפּ געטאָן די כאַפּעלקע צו זיך. אָבער די שוואַנץ האָט זיך ניט גערירט פון אָרט,—ווײַל ביידע כאַפּעלקעס האָבן זיך צונויפגעקלאַמערט, און יעדערע האָט געשלעפּט צו זיך.

סעריאָזשען האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט, אַז באַם שוואַרצינקן זאָל פּלאַצן דער פאָדעם. אָבער דער פאָדעם איז גראָדע געווען אַ שטאַרקער, און דער אילקאָ האָט אַפּ אַן אומפאַרשעמט־סטן אופן געשלעפּט די אָרעמע שוואַנץ צו זיך.

פּלוצים איז ערגעץ פון דער רעכטער זײַט געקומען צו שפּרינגען אַ פרישע כאַפּעלקע מיט אַ קיפּאַריסן־שישקע באַם עק און

האָט זיך ארומגעוויקלט און זיך אריינגעקלאַמערט אינעם שוואַרצינקנס פאָדעם. און אָפּ איך קוקנדיק א פּערטע, א פינפטע...

אינגיכן האָט זיך ארומגעוועבט ארום דער פּאַס א גאַנצער שפינוועבס מיט כאַפּעלקעס. ס'האָט זיך פאַרקאָכט א הייסער געשלעג. די פעגעטער באַ די יינגלעך באַ אַלע זייַנען געוואָרן רויט. קונציקער פאַר אַלץ איז געווען דאָס, וואָס דער געשלעג קומט פאַר אָן די שלעגער, און די שלעגער גופא ליגן אָפּ די בעטלעך און רירן זיך ניט.

— נאָך א גליק, וואָס בובאַ איז דאָ ניטאָ, — האָט זיך אָנגערופן א מיידעלע, וואָס איז געזעסן דאָ ניט וויַיט. — אָט דער בובאַ איז דאָך אַזאַ גאַזלען.

— אָ, בובאַ וואָלט זיי שוין דערלאַנגט פּעפער! — האָט דאָס קירפּאַטינקע מיידעלע, וואָס איז אומגעשפּרונגען מיט דער מיליצע, אונטערגעכאַפּט. — ס'איז טאַקע א גליק, וואָס מע האָט אים אוועקגעטראָגן אין איזאָליאַטער.

— אין איזאָליאַטער? — האָט סעריאָזשאַ א פרעג געטאָן.

— וווהין דען, מיינסטו?

און די מיידעלעך האָבן ניט אויפגעהערט איבערשלאָגן איינע דער צווייטער בייסן דערציילן פאַר סעריאָזשען, וואָס פאַראַ שוידערלעכע זאַך אָט דער שרעקלעכער בובאַ האָט היַינט אָפּגעטאָן. מע האָט אים אריינגעשטעלט דעם טערמאָמעטער, האָט ער אים געגעבן א קנאַק אין דער ערד און — אָפּ פיצ־פיצלעך. און אַז די ניאַניע אַגלאַיאַ איז צו אים צוגעלאָפן און האָט אויסגעשריגן: „וואָס האָסטו עס געטאָן?“ — האָט ער געגעבן א פליוך אָפּ איר דאָס טעפּעלע אָקריפּ און איר שיר ניט אָפּגעפאַרעט דעם גאַנצן האַלדז.

— נאָך גוט, וואָס ניט אין די אויגן. באַרעכן זיך, אַגלאַיאַ האָט דאָך געקענט בלינד ווערן.

די מיידעלעך האָבן געהאַלטן אין איין אויקען און אַיַיקען, — אַך און אַך, — סעריאָזשאַ האָט זיך אויך ניט געקענט באַרויקן באַגלייַך מיט זיי.

אָבער אינמיטן דרינען האָט זיך צעקלונגען דאָס גלעקל. ס׳האָט זיך דערהערט א כראָפּקערײַ פֿון געפּעס. ס׳איז אוועק א רייע פֿון קעז מיט פֿרישן ברויט. דאָס האָבן די סאַניטאַרן געבראַכט צו טראָגן מיטיק עסן.

4. ציבעלע און אנדערע

דאָס קירפּאַטע מיידעלע האָט מען גערופֿן נינא די ביענדיקע. און יענע, וואָס איז געזעסן דאָ ניט ווײַט אין בעטל, האָט מען גערופֿן ווי אַמאָל: אַמאַל ליאָליא, און אַמאָל ליאליא.

ליאליא האָט געניצט עפּעס א מאָדנע זאַך פֿון שמאַטקעלעך. און ס׳איז איר, ווײַזט אויס, זייער געפֿעלן געוואָרן דאָס וואָרט „קאָשמאַר", ווײַל יעדער רעגעלע פֿלעגן זי זאָגן:

— אוי, סאַראַ מין קאָשמאַרער פֿינגערעס בײַ מיר איז

— ס׳איז ממש א קאָשמאַר, ניט קיין שערל.

אַפֿן בעט איז לעם איר געלעגן א גאַנצער באַרג מיט שמאַטקעלעך, און אַז זי פֿלעגט דאַרפֿן עפּעס א נײַ שמאַטקעלע, פֿלעגט זי עס דערלאַנגען מיט די פֿינגער פֿונעם רעכטן פֿוס. אָנאָ האָט זי דאָס קלעצעלע פֿאָדעם אויך דערלאַנגט מיטן פֿוס.

סעריאָזשא האָט זיך מיט גרויס וווּנדער אַרומגעזען, אַז א היפּשע צאָל פֿון די ליגנדיקע אָדער אַפֿילו זיצנדיקע טוען אַסאַך זאַכן מיט די פֿיס אַזוי גוט, ווי מיט די הענט.

איר דערלאַנגט זיי, צום בײַשפּיל, א בריוו אָדער א לעפֿל, און זיי טוען בײַ דיר א כאַפּ אָט די זאַכן מיטן פֿוס, כּדי איר זאָלט זיך פֿאַרשפּאָרן אָנבייגן.

אָבער א מינע דינע פֿיס זײַנען בײַ דעם־אָ מיידעלע! אַזעלכע פֿיס האָט נאָך סעריאָזשא, זינט ער לעבט, ניט

נעזען. דאָס זײַנען ניט קײן פֿיס, נאָר
לאָקשן, העסלעכ צונויפֿגעדרייבע לאָקשן,
אין דער צײַט, װען זי, דאָס מײדעלע
אַלײן, איז א געזונטע און שטאַרקע.
ס׳רײַסט אױש דאָס האַרץ, װען דו זעסט,
ווי צו אזא געזונטן קערפּער זײַנען,
ווי אלפּיטאָעס, צוגעפּראַוועט אזעלכע
נעבעכדיקע, נישטיקע צווײ פֿיס, כאָטש
װאַרפֿ זיי אַרויס.
אין װיפֿל ס׳טועט זיך דאָ הויקערס! בּאַ אײניקע זײַנען די
הויקערלעך קלײנינקע, קאָם צו באַמערקן, ענשער ווי א פּיאַטאַקל
די גרייס. און בּא יענעם־אָ, װאָס באַם כאַמע בּרעג, ליגט אַזױױי
א קײַלעכדיקער לאַבן בּרויט אַף דער פּלייצע, א טונקל בּרויטל
א קאָרנס, דערבּאַר װאָס דער הויקער איז בּא אים געװען שװאַרץ,
אָפּגעבּרענט פֿון דער זון. און בּאַם גײלן איז דער הויקער אויך
עפּעס א געלער. די רויטע הויט האָט זיך אז אים אָפּגעשײלט
פֿון דער זון.
און אָנאָ יענע כעוורע זײַנען צוגעבּונדן צו די בּעטן מיט
בּרייטע טאַשמעס אזעלכע—ניין, מיט קנױסן פֿון לאָמפּן! און די
פֿיס ליגן בּא זײ אין גיפּסענע קאַסטנס.
און בּא דעם־אָ איז צוגעבּונדן צום פֿוס עפּעס א שווער זעק־
קעלע. דאָס זעקעלע הענגט אַראָפּ איבּער דער פֿאָרענטשע כון
בּעט און ציט נאָך זיך, און ציט נאָך זיך דעם פֿוס.
און אָכאָ בּא דעם־אָ איז פֿאַרגיפּסעװעט אי די פֿיס, אי דער
גאַנצער קערפּער.
און װאָס ליגט עס דאָ פֿאַר אזעלעכס? שװער צו פֿאַרשטײן.
א גרויסע בּרעט ליגט אפּן בּעטל, און פֿון אונטער דער בּרעט
דערכראָגט זיך אהער אַלע רעגע א סאָפּעריי און אפּילע עפּעס
א מין כריוקעריי.

עמעצער איַסעקט זיכ דאָרט אונטער דער ברעט, די ברעט רוקט זיכ און באַוועגט זיכ קאַם־קאַם.

סעריאָזשאַ האָט לאַנג אַהינ געקוקט. אָטאָ־אָ האָט זיכ די ברעט אופגעהויבנ און עס האָט זיכ אַפּ א רעגעלע פונ דאָרטנ ארויסגעשטעקט א פּאָר גראָבע ליפּנ, א פּאָר געזונטע איגנ, א פּאָר גרויסע באַקנ. אָט דאָס דיקע באַשעפעניש האָט א כאַפּ געטאָנ פונ טישל אראָפּ א פּלעשעלע טוש און האָט זיכ ווידער אונטער־געטוקט אינ די טיפענישנ.

— דאָס איז אונדזער קינסטלער! — האָט מענ געזאָגט סע־ריאָזשענ.

א קינסטלער? שיינ־זשע איז עס א קינסטלער? אינ ווי־אַזוי קענ ער מאָלנ אינ אַזאַ מינ פּאָזע? זײַנ בילד האָט אים צע־רייאַטעטעט אי די ברוסט, אי דעם בויכ, אינ האָט אים פאַר־דעקט אינגאַנצנ אויש בייז שטערנ. ער אַליינ ליגט לאָנדיק, אומבאַוועג־לעכ, ציגעבונדנ צום בעט מיט די כאַטמעס די ברייטע אינ זענ זעט ער ניט דאָס גאַנצע בילד, נאָר גאָר א קליינע טייל פונ אים.

אַנו, ציבעלע, ווײַז זיכ אַקאָרשט! — האָט דאָס געלינקע יאַטל, דער שאַכנ זיינער, אויסגערופנ.

ציבעלע האָט אופגעהויבנ דאָס ברעטל. דאָס ברעטל איז גע־ייענ פונ דיקט, א גרינגס, און צום ברעטל איז געווענ צוגעשפיליעט א באַבולע, און אַפּ דער באַבולע איז געווענ אָנגעמאָלט א בילד: בײַכיקע אווטאָמאַשינעס יאָגנ מיט אַלע קויכעס אראָפּ פונ א הויכנ בארג. אינווייניק אינ די מאַשינעס זיצנ בײַכיקע מאַנצבילעג, וואָס פירנ מיט זיכ בײַכיקע זעק, פונוואַנענ ס׳שיט זיכ גאָלד. די בײַ־כיקע מאַנצבילעג קוואַליענ, און קיינ איינער פונ זיי זעט ניט, אז פונפאָרנט יוארט אַפּ זיי אנ אָפּגרונט, וווּהינ די אווטאָמאָבילנ זייערע וועלנ באַלד אראָפּ־פליענ מיט זיי אינאיינעם.



ציבעלעס א בילד

די מאשינעס זײַנען געװען אױסגעמאָלט זײער קונציק, און די מענטשן — אזױ זיך, אָן איבעריקן פלײַס. ס'איז געװען קענטיק, אז דער קינסטלער האָט בעסער ליב געהאט מאשינעס, אײדער מענטשן: יעדער הײבער, יעדער טאָרמאָז האָט ער געצײכנט מיט ליבע און געטרײַשאַפט, און די מענטשעלעך זײַנען בא אים ארױס אלע פון אײן שנים. אפילו די װאָנסיעס זײַנען בא זײ אלע אלצײנע.

סטריאָזשא האָט זיך לאַנג אײַנגעקוקט אין דעם־אָ בילד, און ענדלעך האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און א פרעגן געטאָן:

— װער־זשע זײַנען זײ עס, דידאָזיקע אלע?

— שווינ־זשע פאַרשטייסטו ניט? דאָס זײַנענ דאָכ בור־זשויעס! — האָט ציבעלע גרויסאַרטיק געענטפערט. בײַסמײַסע האָט ער ברויגעז אָנגעבלאָזנ די אונטערשטע ליפּ און זיכ געכידעשט אַפ סעריאָזשעס אָפּגעשטאַנענקײַט. — בײַ זיי איז דאָכ שוינ איצטער דער קריזיס, אַזוי אַז זיי וועלנ אינגיכנ אָפּגעגנענ.

דאָס וואָרט ק ר י ז י ס האָט ער אַרויסגערעדט מיט גרויס טאַמ.

ס'איז שווער געווענ צו גלייבנ, אַז אָט דאָס־אָ געפּעפּערטע בילד האָט אָנגעמאָלט אַ פּאַראַליזירט ייִנגל, וואָס איז געלעגנ ווי אַ קלאָצ, צוגעשמידט צומ בעט.

— ביסט אַ גליקלעכער! — האָט זיכ ליאַליאַ אָנגערופנ. — די קענסט אויסמאָלנ אי קוויטנ, אי קיפּאַריסנ... אי דעמ יאַמ..

— קאַמ דערלעבט. קוויטנ!.. קיפּאַריסנ!..— האָט ציבעלע ברויגעז אַ פּכיקע געטאָנ. — איכ מאָל אַעראָפּלאַנענ און קאָמבײַנענ.

און וואָס עמעס, איז עמעס. ציבעלעס בילדער, — און געהאַט האָט ער הונדערטער, — זײַנענ טאַקע געווענ פול מיט הידראָפּלאַנענ, מיט מינענ־שיפלעכ, מיט טראַקטערס. ציבעלע איז געווענ פאַרליבט אינ אַלדאָס טעכנישע. דעריקערשט זײַנענ אימ געווענ צומ האַרצנ קאַטערפּילערס, ד. ה. קייטנ־טראַקטערס; ער האָט זיי געמאָלט אָפּנ טוצ, כאָטש ער האָט נאָכ, פאַרשטייט זיכ, קיינ איינ טראַקטער קיינמאָל אינ די אויגנ ניט געזענ.

— יאָלסט נאָכ זענ, וויאַזוי ער מאָלט לאָקאָמאָטיוונ! — האָט דער געלינקער זיכ באַרימט מיט צאַרטקײַט אינ דער שטימ.

קענטיק, אַז ער שטאָלצירט זייער מיט ציבעלענ. יעדנ מאָל, ווענ מע האָט געלויבט ציבעלעס אַבי וועלכנ געמעל, פלעגנ זיכ בײַ אימ אַלע זײַנע קלײַענדלעכ פאַרפלאַמענ פונ פרייד.

בלויז אַפ איינ און איינציק בילד איז זיכ ציבעלע באַגאַנגענ אָנ מאַשינענ: דאָרט איז געווענ אָנגעמאָלט אַ האָריק באַוואַקסנ באַשעפעניש מיט רויטע אויגנ, מיט אַ צעעפנטנ פּיסק, האַלב מענטש, האַלב כײַע. אינ די הענט האָט ער געהאַלטנ אַ געזונטנ פלאָקנ, און אונטנ איז געווענ אָנגעשריבנ מיט גרויסע אויסיעס:

קוקט אימ אָנ, דעמ יונגנמאנ:
א פאראזיט, א כוליגאנ.
א ווילדע זאַכ אונ א באנדיט,
כאַווייִרימ, פּירגער, היט זיכ, היט!

— אַפּ וועמענ איז עס? — האָט סעריאָזשע א פרעג געטאָנ.

— דערקענסט גאָר ניט? — האָט ציבעלע ברויגעז א פּכיקע געטאָנ אונ ער האָט נאָכ שאַרפער אָנגעבלאָזנ זײַנע פלײשיקע באַקנ.

דער געלער האָט דערקלערט:

— ס'איז דאָכ בובא.

— בובא! בובא! — האָבנ אַלע אונטערגעכאַפּט.

— פאַרוואָס־זשע גייט ער מיט א פלאָקנ? — האָט זיכ סעריאָזשע פאַרכידעשט. אָבער ציבעלע האָט זיכ ווידעראַמאָל אונטערגעטוקט אונטערנ בעטל, אונ פונ דאָרטנ האָט זיכ ווידער דערהערט א כריוקערײַ.

— שטילער! — האָט זיכ דער געלער אָנגערופנ. — ער מאָלט.

אונ ער האָט אויפגעהויבנ א פינגער, ס'זאָל ווערנ שא.

דער געלער איז סעריאָזשענ טײקעפּ געפעלנ געוואָרנ. גערופנ האָט מענ אימ זיוקא.

קוקט אימ אנ דעמ יינגנמאנ
א פאראזיט א כוליגאנ!

אויגנ האָט דער געלער גרינע, אויערנ — אָפּשטאַרצנדיקע אינ בײדע זײַטנ, אונ די פינגער זײַנענ בא אימ געווענ געדיכט באַקלעפּט מיט קליי.

ער האָט געמאַכט א פּאַפּירענעמ שלאַנג.

— דאָס איז צומ ערשטנ מײַ! — האָט זיוקא געזאָגט. — נאָר אַנ עק דאַרפ מענ נאָכ האָבנ. אַנ עק דאַרפ מענ אַהער א לאַנגנ, ווײַל אונטערנ הימל איז א ווינט א מוירעדיקער, — אונ די קאַרגוטשע מיידעלקעלעכ ווילנ ניט געבנ קײנ עט־לעכע שמאַטקעס!

— מירנ טאקע ניט געבנ! — האָט זיכ ליאָליא אָנגערופנ. — טאר קיינס אינ דער וועלט. מיר האָבנ שוינ געזאָגט א וואָרט, אז ניינ — וועט זײַנ ניינ.

— ניינ, זאָגט איר! — האָט זיסא ארויסגעשריגנ מיט היצ, וועלנ מיר אײַכ ניט געבנ קיינ מאָנאכנ.

ערשט דאָ האָט זיכ סעריאָזשא אָנגעשטויסנ, אז מאָנאכנ האָבנ דאָ געהײסנ די פאפירעלעכ אפ די פעדים, וואָס פליִענ ארום איבער די בעטלעכ אינ דער זוניקער.

„דאפקע ניט קיינ שלעכטע כעוורע...“ — האָט ער א קלער געטאָנ, לייגנדיק זיכ שלאָפנ, — מאָרגנ דארפ מענ אויכעט א פרווו טינ ארויסלאָזנ א מאָנאכל... אונ בובא: אָיאָיאָי, טארא מינ גאזלענ דאָס קער זײַנ".

5. בובא

ס'זײַנענ דורכ עטלעכע טעג, אינ סעריאָזשא האָט זיכ שוינ דאָ ניט געפילט, ווי קיינ נײַנקער.

ס'האָבנ זיכ בא אים פארפירט פאמעלעכקע אייגענע מאָנאכנ אונ אייגענע כאפעלקעס, וואָס ער האָט מיט זיי געארבעט ניט ערגער ווי אנדערע.

ער האָט שוינ אויכ, ווי אלע איבעריקע, זיכ ארויסגעלערנט באהאלטנ אונטערנ מאטראצ בא זיכ די געבליבענע שטיקלעכ ברויט, קעדײַ צעברעקלענ אונ ווארפנ פאר די קעסיידער הונגעריקע שפערלעכ.

ער האָט זיכ שוינ אויכ באקאנט מיט אלע דערציִערס אונ ער האָט געוווּסט, ווער ס'פונ זיי א גוטער, אונ ~~חער א שלעכטער~~.

ער האָט שוינ דערפילט, אז זאָיא לוואָיונא איז אביסל טויבלעכ, אונ אינ איר אָנוועזנהײַט מעג מענ שרײַענ אונ פילדערנ, וויפל דאָס הארצ גלוסט.

ער האָט שוינ אויכ געוווּסט, אז יענע היכע פרוי מיט דער הויקערדיקער נאָז, וואָס בא איר ארײַנקומענ ווערט די גאנצע

זוניקע אנשטילם פאר איינ רעגע, — איז די מומע חאריא, די היגע פארהאלטערנ.

ער האָט שוינ זיך אויך אָנגעשטויסנ וועגנ דעם געשלייערטנ בוים. פארדערפאר רופט מענ אים דאָ געשלייערטער, ווײַל די כאָנאכנ פארטשעפּענ זיך דאָ מיט די עקנ און בלײַבנ הענגענ אפ די צווײַגנ. און אז ער האָט זיך צעשמועסט מיט זײַנע שכיי־נים, האָט ער זיך דערוווסט, אז קימאט אלע וויינענ זיי דאָ אר־בעטער־קינדער, היפּטזאכלעך פונ אָדעס, ראָסטאָוו און כארקאָוו.

ציבעלעס טאטע איז א קיילנגרעבער, און ליאליעס — א הייצער אפ דער שיפ „זאריא". די שיפ פלעג יעדער דעקאדע דורכגיינ דאָ פארבײַ דער זוניקער. דורכגיינ אפנ האָריזאָנט ווײַט־ווײַט, אָבער ליאליא פלעג זי קעסיידער דערקענענ.

— אָ! אָנאָ איז אונדזער שיפ! ס'איז דעם טאטנס!

און זי פלעג זיך דערנאָך לאנג ניט קענענ בארויקנ.

אסאך קינדער זײַנענ אהער געקומענ פונ קינדער־הײַזער, פונ שפּיטאָלנ, און נאָר בובענ מיט אילקאָענ האָט מענ גענומענ גלײַך פונ דער גאס.

— בובענ? ווער־זשע איז ער עס אוועלכער, ביבא? — האָט איינמאָל סעריאָזשא א פרעג געטאָנ בא זײַנע כאַווײרים.

— אָ, בובא!

און אלע האָבנ גענומענ רײדנ מיטאמאָל.

סעריאָזשא האָט ניט געוווסט, וועמענ פריִער צו הערנ.

מער פונ איטלעכנ האָט זיך געהיצט דער ליליפּוט סאָלאָמאָנ, א קליינינק מענטשעלע מיט א גרויסנ קאָפּ, וואָס איז געלעגנ באם סאמע ברעג ניט ווײַט פונעם געשלייערטנ בוים. דאָס פּאָ־נעם איז בא סאָלאָמאָנענ געווענ פונ אנ אלטנ מאנ, א צעקניי־טשטס אזא, און די הענטעלעך מיט די פיסעלעך, ווי בא א פינפ־יאָריק קינד.

בובענ האָט ער געהאסט ביז צו טרערנ. ווי ער פלעג נאָר דערהערנ זײַנ נאָמענ, אזוי פלעג ער זיך ברעגגענ צו שליאָנדערנ

אפ זײַנ מיליטשקעלע און פלעג נעמענ קנאקנ מיט אנ אױסגע־רעכנטער שטים:

— בובא? דאָס איז א פּאַגראָמשטשיק, א באנדיט, א מענטשנ־פרעסער. ניט דאָ איז פאר אים דער פּלאצ. אים דארפ מענ אװעק־שטעלנ הינטער א רעכטער גראטע. שױנ דאָס פינפטע יאָר, אז איכ ליג דאָ — האָב איכ נאָכ אזעלכע פּארשױנ ניט געזעענ. מיר צאפּ־קענ זיכ מיט אים: „בובענקע, בובענקע“, — אז מע דארפ גאָר אזא צו אלדע שװארצע געהארגעטע יאָרנ, און װאָס גיכער, אלצ בעסער.

סאָלאָמאָנ האָט געשאָסנ מיט רײד גיכ־גיכ און מיט דער מיליצע האָט ער בײסמײַסטע געזאָכעט, װי מיט געװער.

אונטערנ אָרעמ האָט ער געהאלטנ א שאכמאט און עפּעס א גרױסנ בײגנ פּאפּיר.

און ארױסגעװיזנ האָט זיכ, אז בובא איז טאקע װירקלעכ א מוירעדיקער פארברעכער, מע האָט אים געבראכט אהער שיר ניט פונ א גנײװישער שײַקע. און נאָכ דעמ ערשטנ טאָג, װענ דער דאָקטער דעמיאנ יעמעליאנאװיטש האָט זיכ אָנגעהױבנ איבער זײַנ קראנקנ קליב אפּ אימ צו באטראכטנ, האָט זיכ בובא אײַנגעזױגנ מיט די צײנער אינעמ דאָקטערס אקסל און האָט אים א ביס גע־טאָנ, װי א מעשוגענער הונט.

— טשודאק, — האָט דעמיאנ יעמעליאנאװיטש געזאָגט, — אױב דו װעסט זיכ ניט הײלנ, װעט בא דיר קאפּאָרע װערנ דער גאנצער פוס.

— ז א ָ ל ע ר ד י ק א פּ אָ ר ע װ ע ר נ, — האָט בובא געזאָגט, — דער פוס איז ניט דײַנער, ס'איז מײַנער.

און ער האָט אים א זעצ געטאָנ מיטנ געזונטנ פוס.

ער איז געװענ א בײזער און א שװײַגנדיקער, ער האָט אפּ קײנעמ ניט געקוקט, ניט געלײגט אפּ קײנעמ פונ די כאװײרימ קײנ שום אכט, איז געזעסנ אנ אָנגעבלאָזענער און האָט געשװיגנ.

— טשעפּע זיך אָפּ פון מיר, סטאָלאָטע, — האָט ער זיך היי־זעריק [א]נגערופן צו מאקסימען דעם סאניטאר, בעשאס יענער האָט זיך צו אים געווענדעט מיט עפּעס א פראגע.

מע האָט אים פארשפארט אין איזאָליאטער. ער איז טיקעס אנטלאָפן געוואָרן. און ווי ער האָט זיך נאָר אופגעכאפּט, אזוי האָט ער א כאפּ געטאָן דאָס גלעקל, וואָס איז געלעגן באם בעט, די שלאפע זאָלן קענען א רוף טון די סאניטארן, און ער האָט עס א שלײַדער געטאָן גלײַך אין פענצטער ארײַן. די טאפליע איז צעפלויגן געוואָרן אף פיצ־פיצעלעך. און פונקט ווי אפצעלאָכעטע האָט זיך עס געדארפט טרעפן אין דער שווײַג־שאָ. האָבן זיך די יאטן אופגעכאפּט. אלע האָבן גענומען פילדערן, קוויטשען און ווײַנען. ארײַנטערײַסן די שווײַג־שאָ! דאָס האָט זיך נאָך אין דער זוניקער קיינמאָל ניט געטראָפן. וואָרעם די שווײַג־שאָ איז פאר די שלאפע פונקט אזוי נייטיק, ווי לופט. זאָיא לוואָזנא האָט זיך גע־פרווט ווי עס איז ווידער אײַנשטעלן אן אָרדענונג, אָבער שטיקלעך גלאָז האָבן זיך ווידער צעקלונגען, און דורך דער צע־זעצטער טאפליע איז אהער ארויסגעפלויגן אן אײַזערן קווערטל.

— בובא! בובא!

אָבער בובא האָט זיך צעבושעוועט און ער האָט גענומען אויסשרײַען אז א קאָל שוידערלעכע זידל־ווערטער.

איז געקומען צולויפן דער דאָקטער דוויט פײַער, ביין סאקאָנעט.

— ארויסשלײַדערן אָט די־אָ כײַע אין מעשעך פון פירונצוואנ־ציק שאָ!

אָבער מע האָט אים ניט ארויסגעשלײַדערט. מע האָט איב־ערגעלאָזן דאָ, און ער הערט ניט אוף צו ווײַזן זײַנע שטיק. היינט האָט ~~ער~~ א שמײַס געטאָן דאָס זעלצערל אף מאקסימען דעם סאניטאר. נעכטן האָט ער א פליוכע געטאָן א הייס טעפּ־לע וואסער אנגלאיען אין פּאָנעם ארײַן.

— אָט וואָס פארא מין קווייט אָט דער בובא איז?! קלאָר, אז מע דארף פון אים פּאָטער ווערן! — האָט סטיאָושא אנט־

שלאָגנ אויסגערופנ אונ ער האָט גענומענ דעם בלײַער אפ כאס־מענענ גיכ אָט דעמ־אָ פאפיר, וואָס סאָלאָמאָנ האָט אים אונטער־געטראָגנ.

אפנ פאפיר איז געווענ אָנגעשריבנ מיט סאָלאָמאָנס פלינקער האנטשריפט:

„מיר פאָדערנ, אז מע זאָל גובענ באזײַטיקנ פונ אינדזער סויוזוע דערפאר, וואָס דער ראטנפארבאנד נייטיקט זיכ אבסאָלוט ניט אינ אזעלכע פאראזיטנ. אנשטאָט אים קענ מענ אויסהיילנ אנ אנדער קראנקנ, ניט קיינ כוליגאנ, נאָר א קעמפער אונ א בויער".

אונטער דעמ־אָ פאפיר זײַנענ שוינ געווענ אכאכ אונטערשרי־פטנ: נינא די ערשטע, נינא די צווייטע, פאניא מורישקינא, אנ־דריי וואָלאָדענקאָ, זיוקא, ציבעלע, קיריושא קאָריסניקאָוו, ליאָליא אנדרייעווא, פעדיא קורטשאווי. אונ בוילעטער פונ אלע איז דאָ געשטאנענ דער אונטערשריפט פונ ס א לאָ מאָ נ עפשטיינ.

6. דער מיטינג

איינגיכנ האָט מענ דעם פאפיר דערלאנגט דער מומע וואריענ, אונ אינ דער ווניקער איז פאָרגעקומענ א פארזאמלונג, גע־ווידמעט גובענ.

די פארזאמלונג איז געווענ א שטורמישע. לאָוט זיכ אויס, אז כאָלאָמאָנ איז גאָר א פײַנער מיטינג־רעדנער, אונ ער האָט גיכ־גיכינקערהייט, ווי איינער, וואָס אײַלט זיכ, ער זאָל ניט פאר־שפעטיקנ צומ צוג, אָפגעהאלטנ א פראָקוראָרישע רעדע, וואָס בא־שולדיקט גובענ אינ א גאנצער ריי שרעקלעכע פארברעכנס, אונ פארענדיקט האָט ער זײַנ רעדע מיט דער אנטשלאָסענער פאָ־דערונג, מע זאָל אויסלייזנ די ווניקע פונ אָט דעמ־אָ רויצייעכ.

דאָ איז ארויסגעטראָטנ זאָיא לוואַנא, זי האָט מיט א ראכמאָ־נעסדיקער, ניאווקענדיקער שטימ, פארשעמט, אָנגעהויבנ — אז יאָ,

טאַקע, בובא איז טאַקע שולדיק... ווי רעדנ? ער איז טאַקע זייער אינ זייער שולדיק, אונ זי מײַנט גאָרניט אים איצטער צו פאַרטײַדיקנ, נאָר פונדעסטוועגנ, טײַערע כאַווײרים, כאָטש איר דאָכ ווייסט זײַנ, אַז אינ יעדער פאַרברעכער איז דאָכ עפּעס דאָ.. עפּעס אוצלעכס... גוטס... ליכטיקס... עפּשער איז מעגלעכ, נו, זאָל זײַנ אפילע פונ רײנעם ראַכמאָנעס אויסגײענדיק, אים איבערלאָזנ דאָ, נו, כאָטשבי אפּ אײנ כוידעש... אָט דערפאַר, טײַערע כאַווײרים, וואָס זײַנ שלאָפקײַט איז זייער אַנ ערנסטע, אונ זיכ געפֿינענ אויסער דער סאַנאַטאָריע — איז עס פאַר אים א זיכערער טויט. לאָמיר מאַכנ א פּרוּוו, מירנ זענ...

— קײנע פּרוּוונ! — האָט סאָלאָמאָנ איבערגעריסנ, — דורכטרײַבנ אים — אונ א סאָכ, אַנ עק! ראַכמאָנעס? דאָ איז ניטאָ אפּ וועמענ צו ראַכמאָנעס האָבנ. דאָס לאַנד גיט אויס אפּ אונדזער הײלונג גרויסע געלטנ, דערפאַר וואָס עס נייטיקט זיכ אינ טויערס. יעדערער פונ אונדז וואַרט אונ קענ זיכ מאַמעש ניט דערוואַרטנ, ער זאָל שוינ גיכער געזונט ווערנ אונ נעמענ אַנ אָנטייל אינ דער בויונג. ס'איז באַם אַלטנ רעזשים וואָלט פונ אונדז געוואָרנ מענטשישער ברוכוואַרג. מיר וואָלטנ געשטאַנענ לעבנ די קלויסטער־טרעפּ אונ וואָלטנ געבעטנ נעדאָוועס. אָבער איצט, ניט געקוקט וואָס מיר זײַנענ הויקערדיקע אונ לאַמע, וועלנ דאָכ פונ אונדז ארויסקומענ לערערס, אינזשענערנ, יאָ, יאָ, — אגראָנאָמענ, ביכהאַלטערס, טעכניקער, — נו, יאָ! — אונ מירנ אַרבעטנ ווי די רוכעס.

סאָלאָמאָנענ איז שוינ געגאַנגענ דאָס פערצנטע יאָר, אונ ניט אומזיסט איז אפּ זײַנ קלײנ פיצעלע גופֿל געזעסנ א פּאָנעם פונ א זאָקנ. ניט אומזיסט פלעג ער לייענענ די „קאָמסאָמאָלסקאיא פראַוודא", שפּילנ אינ שאָכ אונ לערנענ עספּעראַנטאָ. ער האָט גערעדט ווי א גרויסער, מיט די טנועס פונ א געשליפֿענעם רעדנער.

— אָבער זיכ ציאַצקענ מיט פּאַראַזיטנ, אויסגעבנ קייכעס אונ מעדיצינישע מיטלענ אפּ באַנדיטנ אונ לאָדערס — אָט דאָס איז

איצט ניט פאר אינדזער קעשענע, און פארדערפאר וועט מענ אונדז קיינ דאנק ניט זאגנ.

— ריכטיק! ריכטיק! — האבנ אלע אויסגעשריגנ.

דא האט גענומענ א ווארט פאניא מורישקינא, א קאלווירט־ניקס א טאכטער פונ דער שווארצערדיקער געגנט, א רויטבאקיקע און מיט א קײַלעכדיקנ פאנעמ.

— אט דאס איז ריכטיק... קראנקע האבנ מיר אינ פארבאנד אסאכ, און בעקלעכ — ווינציק. צי זאלנ מיר אפגעבנ אזעלכע בעקלעכ פאר באנדיטנ, אויב ס׳קלעקנ ניט פאר קיינ גוטע יאטנ? גוטע קינדער וואלגערנ זיכ קראנקע אינ די דערפער און קענענ צו קיינ סאנאטאריע ניט אנקומענ, אינ דא וועלנ מיר זיכ פארנעמענ מיט יעדער נארנישט...

פאניא האט גערעדט זייער פאמעלעכ, און די ווערטער זײַנענ בא איר ארויסגעקומענ ווי משוהונענע.

דא האט שוינ די גוטע ווארע גענומענ א ווארט. זי האט אנ־געהויבנ אביסל הינטנ־ארומ, אינ אינ דערזעלבער צײַט מיט א שטאך.

— א-א, — מאכט זי, — איר האט ניט ליב קיינ לאדערס. איר זײַנט נאר געוווינט געווארנ אפ קעמפערס און אפ טוערס, און א לאדער דארפ מענ פארשטעקנ, ווי ס׳וועט זיכ מאכנ, אז ניט איז אינ א כוואסטע ארײַנוווארפנ אדער אינ קראפיווע פארשטופנ? זאלנ זיי זיכ דארטנ פוילנ אונטער א פלויט? איר מיינט, אז לאדערס פאלנ אראפ פונעמ הימל? אט אזוי ווערנ זיי געבוירנ פארטיקע לא־דערס? ניינ, מײַנע טײַערע, איר אליינ האט אינ זיי א כיילעק. זיי ווערנ גראדע געשאפנ דורכנ קאלעקטיוו גופא. אויב דער קאלעקטיוו איז בא אײַכ א געזונטער, א פעסטער, וועט איר פונעמ סאמע ערגסטנ קענענ מאכנ א גוטנ; אויב אבער אײַער קאלעקטיוו אליינ איז א נאר־נישט, וועט בא אײַכ פונ יעדערנ ווערנ א נישט, פונעמ סאמע בעסטנ. יא, איז אינ וואס־זשע גייט עס? צי דענ שטייט בא אײַכ אזוי נידעריק אינ די אויגנ אינדזער קאלעקטיוו? צי דענ האלט איר, אז דער קאלעקטיוו איז אזא שוואכער און שלאבעריקער, אז

יעדעו בויאַן קען אים דערבערענגען צו פאַרניכטונג?.. נו, אויב אזוי, איז וואָס האָבן מיר שוין דאָ צו ריידן?

— ניין! ניין! ניין!

— ני, ס׳איז דאָך פאָרט אזוי, ווײַבאַלד איר גלייבט ניט אין אײַער קאָלעקטיוו...

— מיר גלייבן! מיר גלייבן!

נו, אויב איר גלייבט יאָ, איז דאָך שוין ווײַטער ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן!.. קיינע שום בובעס און קיינע שום אילקאָעס זײַנען פאַר אײַך ניט געפערלעך, אויב איר וועט זיך נעמען אלע, ווי איינער, און אַרבעטן, אז פון אײַך זאָל אַרויס אַ ווירדיקער סאָרבײַטס, וועלכער...

— יאָ, יאָ! מיר וועלן, מיר וועלן...

— און אויב איר וועט, — דאָ האָט מומע וואַדיאַ זיך ברייט צעשמייכלט, — וועט אויך בובאַ, און אויך אילקאָ... דאָס וועט איר שוין דערנאָך אליין זען, אז זיי וועלן ווערן ניט ערגער און עפשער בעסער פון אונדז איטלעכן.. ס׳וועלן פון זיי אַרויסקומען גוטע און טיכטיקע טוערס... דעריקערשט הייבט נאָר אויף בא זיך די דיסציפּלין, פאַרשטאַרקט נאָר בא זיך די קאָלעקטיווע אייניקײַט.

לאַנג, לאַנג האָט נאָך די מומע וואַדיאַ גערעדט, און סאָפקאָל-טאָס איז טאַקע געבליבן, אז בובען לאָזט מען דאָ איבער.

אָבער סאָלאָמאָנג האָט זיך נאָך אלץ ניט געוואָלט אונטערגעבן.

— אוי, וועט ער אונדז אויסמאָטעווען די געדערים פון בויך, — אָט דער בובאַ.

7. די זוניקע

אָבער בובאַ איז עפעס ווי צוגעשטילט געוואָרן. אַ גאַנצע וואָך האָבן זיך מער ניט געטראָגן פון איזאָליאַטער ניט קיין כײַישע ריטשערײַען און ניט קיין קלינגערײַען פון געשלײַדערטע בענקעס.

אין דער זוניקער ווײַנער אָנגעקומענע רויִקע טעג.

סעריאָושא האָט זיך גאָר קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז אים ס׳עט דאָ זײַן אזוי גוט אין סאנאטאָריע.

אפן טויער איז דאָרט געהאנגען זייער א טרויעריקע שילד: „סאנאטאָריע פאר קינדער מיט טובערקוליאָזע ביינער".

א קלאָרע זאך, אז דאָרט האָבן זיך געהיילט קינדער מיט קראנקע ביינער. בא וועמען ס׳האָט ווי געטאָן א קני, בא וועמען א קליב, און בא וועמען דער רוקנביין. און שלאפקײַטן זײַנען עס אלץ גאָרניט פון די גרינגע, פארטאָגן אזא קרענק איז גאָרניט פון די פריילעכע זאכן.

יעדער אומגעלונגענע באוועגונג קען שאָדן ברענגען די קראנקע ביינער. איז דערום קומט אויס, צום בײַשפּיל, די, וואָס האָבן א קראנקע פּלייצע, צו ליגן אפן רוקן אומבאוועגלעך ווי־סעך וויפל צײַט, און בא וועמען ס׳איז א שלאפע קני, דער טאָר ניט קיין ריר טאָן מיטן פוס. קעדיי מע זאָל די־אָ קראנקע טיילן אומגערן ניט א ריר טאָן פון אָרט, פּרעסט מען זיי אײַן אין א גיפּסענעם באנדאוש. אזויארום באקומט זיך, אז דער קראנקער פוס, דער קראנקער קליב אָדער די קראנקע פּלייצע געפינען זיך, ווי אין א קאסטן, און דאָס־אָ קעסטל איז אזוי הארט, אז ניט צעברעכן קען מען עס, ניט אויסבייגן, מע ליגט אײַנגעפּרעסט אין די־אָ שיידלען די היפּשע כאדאָשים צײַט, אָדער ס׳טרעפט זיך אפילע אזוי, אז מע באוויַזט ניט אויסטאָן איין קעסטל, ווי ס׳ווערט שוין ארויפגעצויגן א צווייטס.

אזוי אז סע קומט אויס אייניקע קינדער צו ליגן וואָסערע דרײַ־פיר יאָר קעסיידער צו בעט.

די קינדער, וואָס ליגן איינע אליין ערגעץ בא די עלטערן אינדערהיים, לײַדן, פארשטייט זיך, אומגעהײַער: ס׳איז זיי זייער אומעטיק, פארדראָסיק צו ליגן טאָג אז ווי נאכט אומבאוועגלעך און נאָך צוקוקן, ווי געזונטע קינדער דאָ בא דער זײַט שפּילן זיך, יאָגן אום, קוליען זיך איבער און שפּרינגען.

אינ ערשט ווײַנענ אָט די־אָ שפּאכנ געװען ניט צום לאכנ, וואָרעם סעריאָזשא האָט אינגיכנ באמערקט, אז אינ דערוועלבער צײַט, וואָס ער בעלעבעטשעט זיכ, דער דאָקטער, אָט די־אָ כאָכמעס, איז ער נאָר פאַרנומענ מיט זײַנע מעדיצינישע געדאנקענ. אָבער דאָכ פלעג שוינ אים זײַנ אנגענעם סעריאָזשען, בעשאַס ס׳פּלעג זיכ צו אים ארײַנקוקלענ אָט דאָס־אָ בײַכיקע פּעטעלע אינ א זאָג כונ אים אפ זײַנ לעצאָנישנ לאָשנ:

— אנו, אָפּודעלע־נאָמודעלע, דערלאַנג נאָר אָהאַרשט דײַנ קאָפּיטע.

געהייכנ האָט ער דעמיאַנ יעמעליאנאָוויטש, אָבער די גאנצע זיניקע האָט אים גערופנ באראבאנ באראבאניטש. ער איז געװענ אנ אויסגעצייכנטער אונ בארימטער כירורג. ער האָט פאר זײַנ לעבנ באוויזנ אויסהיילנ טויזנטער „שענדער־מענדערס״ אינ „סטארושענציעס״.

אינ סאנאטאָריע איז געװענ אזא מיש אפ רעדעלעכ. מ׳האָט אים גערופנ „דער טראמוויַ״. אפ דעמ־אָ טראמוויַ פלעג מענ איבערפירנ די כעוורע אינ איבערבינד־קאבינעט. אונ די כעוורע האָבנ קעסיידער געהאלטנ פאר זייער כויוו, אז, פאָרנדיק אפנ טראמוויַ, דארפנ זיי קאָמאנדעווענ, טרײַבנ קאכאָיועס אונ אויס־שרײַענ פארשיידענערליי פריילעכע לידלעכ — מיט איינ וואָרט, וויַזנ באשײַמפּערלעכ, אז זיי זײַנענ בראווע יאטנ אונ זיי הערנ דעמ איבערבינד־קאבינעט, ווי גאָרניט.

אינדערהיימ פלעג סעריאָזשא אינ דער אָנוועזנהײַט פונ די אייגענע קעסיידער קווינטשענ, נאָכ איידער דער דאָקטער פלעגט זיכ אפילע צורירנ צו זײַנ שלאפּער קני. אונ דאָ, אינ דער אָנ־וועזנהײַט פונ די כאוורים, האָט ער זיכ אפילע דעמ קלענסטנ קרום ניט געטאָנ בא די סאמע ווייטעקדיקסטע פּינקציעס *).

*) דאָס שטעכן מיט א ספּעציעלער נאָדל אף אויסגעמאָסטענע דעם אייבער פונ די סינעריקוריאָזע געטיירנ.

8. מיר פֿאָדערן

אָבער בעסער פֿון ציבעלעך, בעסער פֿון פּאַניאַ מורישקינאַ, בעסער פֿון אַלע שפּערלעך מיט די כאַפּטעלקעס און אַפֿילו בעסער פֿונעם געשלידערטן בוים איז געווען אין דער זוניקער איזראַיִל מוסייטשעס. סעריאָזשאַ האָט זיך אין אים פֿלאַמענדיק פֿאַרליבט.

ער קומט אַרײַן קימאַט אומבאַמערקט, זעצט זיך אַוועק, ווי אומגערן, אַז אַ טומבעלע לעבן העמען ס׳ניט איז בעסל, אין ער הייבט אָן דערציילן מיט זײַן שטילער שטים פֿיל און ניט געײַלט וועגן דעם, וואָס ס׳האָט איצט געטאָן אינעם ראַסנלאַנד. און פֿאַמעלעכן ווערט די זוניקע ווי פֿאַרזונקען מיטאַמאָל אין עפּעס אַ גרוב, און אָפּ דעמאָ פֿלאַץ, וווּ ס׳זײַנען נאָר וואָס געשטאַנען בעטלעך, כוועט זיך אַ הייב צום הימל הייב־קראַנען, ס׳נויאָבן זיך אײַן עקסקאַוואַטאָרס אין דער דורכגעפּרוווירטנער זאַמד, און ס׳יאָגן, יאָגן אָבאָ איבער די קאָנוויירס איטעגדלעכע פּאָ־דזאָנען, לאַסט־אויטאָמאָבילן און ווערקשטעלן. און מיליאָנען מענטשן פֿילן אָן מיט זיך דעם גאַנצן יאַם פֿינעם האָריזאָנט ביז צום ברעג, פֿלינק־פֿלינק, מאַמעש ווי אין קינאָ, פּאַכטן זיי מיט די העק, מיט די קירקעס און האַמערס. זיי וואַלגערן אָן צענדליקער דניעפּערבויען, זיי גראָבן דורך פֿרישע טײַכן, זיי שטעלן אין די מידבאָריעס שטעט, און דאָס אַלץ מיטאַנאַנד ווערט אָנגערופֿן די גרויסע פּראָלעטאַרישע בויונג. אין ס׳נאָך ניט געווען אָט דאָס־אָ לאָמע, הויקערדיקע אָדער פּאַראַליזירטע ייִנגעלע, וואָס בעטאַס ער הערט איזראַיִל מוסייטשעס, האָט עס אים ניט געצויגן, ווי מיט צוואַנגען, צו דער בויונג. יעדן איינעם פֿון די קינדער האָט זיך איצט געוואָלט דאָרט זײַן און אַליין מיט די אייגענע הענט צילייגן כאָטש איין ציגל, כאָטש איין שרײַפֿעלע צו דער בויונג, אין אַראַנק אים זאָל וואָס גיכער, טאַקע ניט איבערטאָרגן, נאָר סאָרגן, אַז צעפּיקעניש אַלע בלוטזויגערס, די בורזשויעס, אָנקומען דאָס אַלוועלטלעכע גליק.

3—1636

איזראיל מויסייעוויטש האָט אַליין אויך געאַרבעט דעם גאַנצן ווינטער צוזאַמען מיט אַ בריגאַדע קאָמיוניסטן בעטאָן־אַרבעטער בײַ דער בויונג פונעם סטאַלינגראַדער טראַקטאָרנעם (אונטער שניי־שטורעמס אין די שווערסטע פראָסטן). דאָרט האָט ער דערגרייכט אומגעהערטע טעמפּן. אָבער ענדלעך האָט ער זיך אויסגעשלאָגן פון די קריקעס און איז פאַרשלאָפן געוואָרן. האָט מען אים אָפּגעשיקט פון סטאַלינגראַד אַהער צום וואַרעמען יאַם — זיך היילן.

דער זוניקער אווילעם האָט זייער ראַכמאָנעס געהאַט אויף אים: עפּעס איז ער אײַנגעזאַנקען אַזאַ אויסגעטאָפּירטשעטער, מיט אַ שמאָלער ברוסט אַזאַ, און אַ קרענקלעכער. ער פלעגן זיך אַלע רעגן פאַרהוסטן און ס'פלעגן אים ניט סטײַען קיין אָטעם. אָבער ער פלעגן ניט באַמערקן ניט דעם הוסט און ניט דאָס שטעכעניש אין ברוסט אין די־אָ שאָען, ווען ער האָט געמאָלט פאַר די קינדער די בילדער פון דער גרויסער אַרבעט. הײַנט ווו איז קוזבאַס, און סוזירבוי, און וואָלגע־דאָן, און מאַגניטאָגאָרסק, און טשעליאַבינסק. אָט דאָס אַלץ פלעגן זיך באַקומען, אַז ס'געפינט זיך ניט פאַר קיין טויזנטער קילאָמעטער פונדאַנען, נאָר אָט דאָ אַפן אָרט, בײַ אַלעמען פאַר די אויגן: עפּעס ניט אַזוי ווי ער וואָלט זיך עס אַלץ פאָרשטעלן־ניין, ער האָט עס אָטאָ געזען מיט די אויגן. און די זוניקע פלעגן צוזאַמען מיט אים פאַרגעסן פון אַלדאָס היגע און זיך אַזויווי איבערטראָגן אין אַ צווייט לעבן, וואָס איז איצט פאַר זיי פאַרגעשטעלט געוואָרן, און זיי האָבן הייס געגלייבט, אַז אין אַ יאָר אַרום, אין צוויי וועלן זיי אַלע אָן שום טעריוצים ווערן שלאָגלערישע אָנטיילנעמער אין אָט דעם־אָ שעפערישן לעבן. דערום האָבן זיי פריילעך געקוקט פאָרויס, און ס'איז אין זיי ניט געווען אָט די פאַרביטערטע בייזקייט, מיט וועלכע אַמאָליקע קאַליקעס פלעגן זיך אונטערשיידן. זיי וואָלטן, דאַכט זיך, געוואָרן צוויי מאָל קראַנקער, ווען עמעצער נעמט בײַ זיי אָפּ אָט דעם־אָ גלויבן.

— ניט מיינט, אז איר לערנט זיי, נאָר איר הילפט זיי אויכ איינצײַטיק, — האָט באַראַבאַנאָוויטש זיכ איינמאָל אָנגערופנ צו איזראַיִל מוסײַיטשנ, — איר הילפט זיי מיטנ פינספּיאָר. גאָרניט קיינ שלעכטע רעפּיע, לאָזט זיכ אויס.

אונ דער בויכ האָט זיכ בא אים צעקוואָלנ.

אז די כעווירע האָבנ זיכ גענוג אָנגעהערט איזראַיִל מוסיי־יטשעס מײַסעס, האָבנ זיי צום ערשטנ מײַ צוגעגרייט אזעלכע מינים ענערגישע לאָזונגענ:

„מיר פאָדערנ, אז מע זאָל אונדז געבנ די מעגלעכקײַט זיכ שלאָגנ פארנ פינספּיאָר באגלײַכ מיט די געזונטע".

מיר שווערנ צו דערגרייכנ אינ טאַט, אז מירנ ניט ערגער פונ געזונטע קינדער בויענ דעמ סאָציאַליזמ אינעמ פּראָלעטאַרישנ לאַנד!

אונ אָט איז די גאַנצע זוניקע באַהערשט געוואָרנ פונ איינ טרוימ: ווי גוט וואָלט געווענ, מע זאָל דאָ, ארומ וואַרעמענ יאַמ, אינ איינעמ א פארק אונטערנ אָפענעמ הימל, אָט דער פרײַער לופט אויסבויענ א פאבריק — א שול, ספּעציעל פאר די קאַלי־קעס, וו זיי וואָלטנ געלערנט יעדער מינ טעכניק, ניט איבעררײַסנ־דיק די היילונג, אונ אונטער דער אויפזיכט פונ דאָקטוירימ זאָלנ זיי זיכ צופאסנ פונקט צו יענע פראָדוקציעס, וועלכע זײַנענ פאר זיי אמערסטנ אָנגעמאָסטנ.

— שוינ לאַנג צײַט! — האָט באַראַבאַנאָוויטש געדונערט, — אָנ דערופ איז אונדזער גאַנצע היילונג ארויסגעוואָרפנ. אָט, לאָ־מיר זאָגנ, האָסטו זיי שוינ אויסגעהיילט, אוועקגעשטעלט אויפ די פיס, אונ דערנאָכ — אדיו, א גוטנ טאָג. גייט ארויס אזא מינ איי־נער פונ אונדזער טויער, צו קיינ זאכ ניט צוגעפאסט, אָנ א מע־לאָכע אינ דער האנט, אָנ קיינ שום ספּעציאַליטעט, אָבער עסנ דארפ מענ דאָכ, — וועט ער זיכ ארופווארפנ אויפ יעדער מעלאָכע,

וואָס וועט אים נאָך קומען צו דער האַנט. נעמסטו עס אָבער אין באַטראַכט, איז גאָר דער־אָ סעלאָכע ניט פֿאַר זײַנע ביינער, און אײדער דו קוקסט זיך אום, יאָ - ער ליגט שוין חײַסער, און ווידעראַמאָל אַז דרײַ־פֿיר יאָר צו בעט... אַ לאַסט אי פֿאַר אונדז. אי פֿאַרן כאַבעז. ניין, אונדזער כּיוון איז טאַקע דאָ אַפּן אָרט אויסבילדן פֿון אונדזערע פּאַציענטן טועס, און ניט אַבי העלבע, פֿונעם דריטן אָדער דעם פֿערטן מין, נאָר ערשטקלאַסיקע און קוואַליפֿיצירטע, יאָ!

סאָיאָסאָן האָט געשוויגן. ער האָט אי אין כאָלעם, אי אַז דער וואָך געטרוימט שוין וועגן אַ בלענדנד־ווײַסער, פּראַכטפֿולער געבײַדע, וואָס איז אָנגעשטעלט מיט מאַשינעס און ווערקשטעלן, ווי פֿאַר אַ גאָר קורצער צײַט וועלן אַלע זוניקע (אויסער אַזעלכע, ווי אילקאָ און בובאַ) פֿאַרוואַנדלט ווערן אין פֿייִקע פֿאַרהאַרטע־וועטע טוערס, וועלכע וועלן זיך שלאָגן פֿאַרן פֿינפֿיאָר, ווי די רוכעס.

אין פֿאַר באַנדיטן וועט אין דער־אָ געבײַדע קיין פּלאַץ ניט זײַן. וואָרעם אַזאַ מין אילקאָ אָדער בובאַ קען דען באַנעמען דאָס פֿינפֿיאָר? סאָלאָמאָן האָט שוין איינמאָל אַפֿילע אַ פּרוּוו געטאָן צו אויסאַגיטירן אַביסל בובען, און ער האָט אים גענומען דערציילן וועגן אָסאָאַוויאַכעם און מאָפּר, אָבער יענער האָט אַז אים קאַלעמוטנע אין שלעפֿערדיק אַ קוק געטאָן, און דאַפּקע אָן קאַפּס, נאָר אַזוי פֿון דער העלער הויט, האָט ער אין אים אַרײַנגעטאָכן די פֿײַנע שלעכטע זידלערײַען, וואָס סאָלאָמאָן האָט קיינמאָל אַזעלכע ניט געהערט אַפֿילע פֿון די רומענישע ציגײַנער.

אין סאַנאַטאָריע האָט מען אַסאַך געשמועסט און זיך געדונגען וועגן די פֿאָדערונגען, וואָס די זוניקע האָבן אַרויסגעשטעלט, ביז מע האָט ענדלעך, נאָך אַ גאַנצער רײַ באַראַטונגען, פֿאַרזאַמלונגען, אָפּקאָמאַנדירט איזראַיל מויסייעטשן קיין מאָסקווע, ער זאָל זיך פּיטאַדל זײַן וועגן אויסבויען אין די הענט פֿון דער סאַנאַטאָריע אַ ספּעציעלן טעכניקום פֿאַר די פֿיזיש־דעפֿעקטיווע קינדער.

7. די מומע וואריא אונ די שוועלבעלעכ

אַז איבערטאָגנ נאָכ איזראַיל מויסטייִנשעס אוועקפֿאָרנ איז אינ סאנאטאָריע פֿאָרגעקומענ א קאטאסטראָפֿע.

אָנגעהויבנ האָט זי זיכ — ווי מאָדנע די זאכ זאָל ניט זײַנ! — אינטערנ אבאושור פֿונעם עלעקטרישנ לאָמפּ.

אָט דער לאָמפּ איז געהאנגענ אז א הויכנ סטויפּ אונ פּלעג דורכ די נעכט באלײַכטנ די גאנצע זוניקע.

זײַנענ זיכ מעיאשעוו עפּעס א פּאָר נארישע שוועלבעלעכ אונ בויענ זיכ אויס אונטערנ אבאושור א נעסט...

א גאנצנ טאָג האָבנ זיי געהאָרעוועט, אז סאקאָנעס, אונ אז זיי האָבנ געענדיקט זייער געבײַ אונ האָבנ שוינ זיכ באזעצט דאָרטנ, איז געוואָרנ נאכט, אונ זייער נעסט איז פּארטיונקענ געוואָרנ פֿונ אנ אומעגלעכ העלישער עלעקטרישער שײַנ. דער לאָמפּ איז געוואָרנ הייס, ווי אנ אָנגעגליט פּרעסל. זײַנענ די שוועלבעלעכ ארויסגעפֿלויגנ, ווי די דולע, פֿונ אונטערנ אבאושור אונ האָבנ גענומענ מיט בייזע געשרייענ ארומשוועבנ ארומ סטויפּ.

דאָ האָט די גאנצע זוניקע אינ איינ קאָל געפּאָרערט, מע זאָל שוינ, די רעגע, אראָפּנעמענ די נעסט אינ זי איבערטראָגנ אז א מער זיכערנ פּלאצ, אז די שוועלבעלעכ זאָלנ זיכ קענענ אומקערנ צו זיכ אהיימ אונ לעבנ רויק, אז קיינ זאכ זאָל זיי מער ניט שטערנ.

— מאָרגנ, מאָרגנ! — האָט זיכ זאָיא לוואָיינא געבעטנ.

אָבער זיי האָבנ אפֿילע הערנ ניט געוואָלט. זיי האָבנ געפֿאָדערט, אז ס'זאָל נאָר אָפּגעטאָנ ווערנ שוינ, די רעגע.

די שאָ איז קוימ דערהײַל א שפּעטע. ס'שוינ זיי גאָר צײַט אלעמענ שלאָפֿנ, אונ זיי בויעוועג אונ פּילדערנ, אז ס'גאָרניט קיינ מעגלעכ זאכ זיכ מיט זיי אנ אייצע געבנ.

אָבער אָט איז שוינ די מומע וואריא דאָ אונ זי הייסט, מע זאָל א ליטע טאָנ אז איינ פּיס אינ א רופּ טונ אהער דעמ סאניטאר, ער

וואָס וועט אים נאָך קומען צו דער האַנט. געוווּסט עס אָבער אין באַטראַכט, איז נאָך דאָס סעלאָכע ניט פֿאַר זײַנע ביינער, און אײדער דו קוקסט זיך אום, יאָ — ער ליגט שוין חיַטער, אין ווידעראַמאָל אַ דרײַ־פֿיר יאָר צוריק... אַ לאַסט אי פֿאַר אונדז, אי פֿאַרן לאַנד. ניין, אַנדערער כּיוון איז טאַקע דאָ אויפֿן אָרט אויסבילדן פֿון אַנדערע פּאַציענטן טוערס, און ניט אַבי העלפֿער, פֿונעם דריטן אָדער דעם פֿערטן מין, נאָר ערשטקלאַסיקע און קוואַליפֿיצירטע, יאָ!

סאָראָקאָן האָט געשײַנט. ער האָט אי אין חלום, אי אין דער וואָר געטרוימט שוין וועגן אַ בלענדנד־ווײַסער, פּראַכטפֿולער געבײַדע, וואָס איז אָנגעשטעלט מיט מאַשינעס און חעריקשטעלן, ווי פֿאַר אַ גאָר קורצער צײַט וועלן אַלע זוניקע (אויסער אונדזערע, ווי אײלקאָ און בובאַ) פֿאַרוואַנדלט ווערן אין פֿײַקע פֿאַרהאַרטע־ ווענטע טוערס, וועלכע וועלן זיך שלאָגן פֿאַרן פֿיגפּיאָר, ווי די רויטע.

אין פֿאַר באַנדיטן וועט אין דער־אָ געבײַדע קיין פּלאַץ ניט זײַן. וואָרעם אַזאַ ווי אײלקאָ אָדער בובאַ קען דען באַנעמען דאָס פֿיגפּיאָר? סאָלאָמאָן האָט שוין אײנמאָל אַפֿילע אַ פּרוּוו געטאָן צו אויסאַגיטירן אַביסל בובען, און ער האָט אים גענומען דער־ ציילן וועגן אָסאָאָזיאַכעט און מצפֿר, אָבער יענער האָט אַף אים קאַלטבלוטיקע אין שלעפֿערדיק אַ קוק געטאָן, און דאָס אָן קאַפּ, נאָר אַזוי פֿון דער העלער הויט, האָט ער אין אים אַרײַנ־ געטאָן די סײַנע עסלעכע זידלערײַען, וואָס סאָלאָמאָן האָט קיינ־ מאָל אויך ניט געהערט אַפֿילע פֿון די רומעניש׳ע ציגײַנער.

אין כאַנאַכאַריע האָט מען אַסאַך געשמועסט און זיך געדוג־ גען וועגן די פּאָדערונגען, וואָס די זוניקע האָבן אַרויסגעשטעלט, ביז מע האָט ענדלעך, נאָך אַ גאַנצער רײ באַראַטונגען, פֿאַרזאַמ־ לונגען, אַפּקאָמאַנדירט אײזראַיל סויסײַטען קיין כאָסקווע, ער זאָל זיך פּיטשאַרל זײַן וועגן אויסבויען אין די חענט פֿון דער כא־ נאַכאָריע אַ ספּעציעלן טעכניקום פֿאַר די פֿיזיש־דעפֿעקטיווע קינדער

י. די מומע וואריא און די שוועלבעלעך

אַז איבערבאָרגן נאָך איזראַיל ביסטינסקיס אוועקפֿאָרן איז אין סאנאטאָריע פֿאָרגעקומען א קאַטאַסטראָפֿע.

אָנגעהויבן האָט זי זיך — ווי מאָדנע די זאַך זאָל ניט זיין — אינטערן אַבאַושור פֿונעם עלעקטרישן לאָמפּ.

אַז דער לאָמפּ איז געהאַנגען אַז א הויכן סטוף אין פֿלעג דורך די נעכט באַלייכטן די גאַנצע וויניקע.

זיינען זיך מעיאַטעוו עפּעס א פּאָר נארישע שוועלבעלעך אין בויען זיך אויס אינטערן אַבאַושור א נעסט...

א גאַנצן טאָג האָבן זיי געהאָרעוועט, אַז סאַקאָנעס, אין אַז זיי האָבן געענדיקט זייער געביי און האָבן שוין זיך באַזעצט דאָרטן, איז געוואָרן נאַכט, און זייער נעסט איז פֿאַרטרונקען געוואָרן פֿון אַן אומגעלעך העלישער עלעקטרישער שיין. דער לאָמפּ איז געוואָרן הייס, ווי אַן אָנגעגליט פֿרעגל. זיינען די שוועלבעלעך אַרויסגעפֿלויגן, ווי די דולע, פֿון אינטערן אַבאַושור און האָבן גענומען מיט בייזע געשרייען אַרומשוועבן אַרום סטוף.

דאָ האָט די גאַנצע וויניקע אין איין קאָל געפֿאָדערט, מע זאָל שוין, די רעגע, אַראָפּנעמען די נעסט אין זי איבערטראָגן אַז א מער זיכערן פּלאַץ, אַז די שוועלבעלעך זאָלן זיך קענען אומקערן צו זיך אַהיים אין לעבן רויק, אַז קיין זאַך זאָל זיי מער ניט שטערן.

— מאָרגן, מאָרגן! האָט זיך זאַיא ליוואָיינא געבעטן.

אָבער זיי האָבן אַפֿילע הערן ניט געוואָלט. זיי האָבן געפֿאָדערט, אַז ס׳זאָל נאָר איפּגעטאָן ווערן שוין, די רעגע.

די שאָ איז קוים דערוויַיל א שפּעטע. ס׳שיין זיי גאָר צייט אַלעמען שלאָפֿן, און זיי בעטן און פּילדערן, אַז ס׳גאָרניט קיין מעגלעכע זאַך זיך מיט זיי אַן אייצע געבן.

אָבער אָט איז שוין די מומע וואריא דאָ און זי הייסט, מע זאָל א לויף טאָן אַז איין פּיס אין א ריפּ טיג אַהער דעם סאַניטאַר, ער

זאָל ארופקלעטערנ אפנ שפּיצ סטויפּ אונ זאָל פאָרזיכטיק איבערטראָגנ די נעסט ערגעצ ווײַטער פונעמ לאָמפּ.

איז אזויווי אפּצעלאָכעט ניטאָ דער סאניטאר אינדערהיימ. ער האָט שוינ אָפּגעדעזשורעט.

אגלאיא איז אוועקגעלאָפנ אימ ערגעצ זוכנ, האָט זי אימ ניט אָפּגעזוכט — נאָר זי איז נאָכ אליינ אויכ ערגעצ פארפאלנ געוואָרנ.

די שוועלבעלעכ האָבנ געשריגנ, פונקט ווי זיי וואָלטנ געווײנט, אונ די כצחרע זײַנענ געקראָכנ פונ דער הויט אונ זיכ געקאָכט, אז סאקאָנעס.

זאָיא לוואָיונא האָט מיט גרויס מי געבראכט צו פערענ פונ ערגעצ א לאנגנ לייטער, זי האָט גענומענ קריכנ ארופ, אָבער זי האָט באלד כאראָבע געהאט אונ איז פונ דריטנ טרעפּל אראָפּגעשפּרונגענ אפּ צוריק:

— איכ בינ ניט קיינ אקראָבאט, — מאכט זי, — אינ איכ זאָל זיכ ברעכנ דעמ קאָפּ — איז מיר נאָכ ניט געקומענ צו דעמ.

די מומע וואריא איז געוואָרנ זייער אינ קאעס אונ האָט פונ אומגעדולד א צופּ געטאָנ מיטנ אקסל.



— לאָזט! איך העלף אַליין! האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט רוגזע, ווי זי וואָלט וועלן ווייזן זאָיאַ לוואָוונען אַ בײַשפּיל.

— אײַ, וואָס ווילט איר טאָן? וויהין הילט איר עס קריכן, וויהין?

אָבער די מומע וואַריאַ האָט אַפֿילע אויף איר קיין קוק ניט געטאָן, פֿאַרקערט, זי האָט זי נאָך אָפּגעשטופּט, זאָיאַ לוואָוונען, טאָמער האָט זי איר געוואָלט עפּעס העלפֿן. זי האָט אין איין אויגנבליק צוגעשטעלט דעם לייטער צום דינעם אײַזערנעם סטויפּ, זי איז פֿאַר איין רעגע שוין געווען פֿון אויבן און זי האָט האַסטיק אַ צי געטאָן די האַנט צו דער נעסט, — און אין דערזעלבער רעגע האָט זי געגעבן אַ הויכן געשריי: „אוי!" און זי האָט געגעבן אַ פֿלי פֿון אַט יענער־אָ הייך. זי האָט געגעבן אַ פֿלי, און צוזאַמען מיטן לייטער — בו — ך! גלײַך אין די קוסטן, ניט ווײַט פֿונעם געשלײערטן בוים. אַלע האָבן גענומען שרײַען ניט מיט זייער קאָל פֿאַר שרעק, און זאָיאַ לוואָוונאַ האָט צערעפּעט די פֿינגער און איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרגליווערטע.

צום גליק איז געקומען צו לויפֿן פֿון ערגעץ דער סאַניטאַר, האָט מען טײקעף אַרויפֿגעלייגט די מומע וואַריאַ אויף אַ טראָג־בעטל און מע האָט זי אַוועקגעטראָגן אין איבערבינד־קאַבינעט.

און די שוועלבעלעך האָבן אומגעשוועבט אין געשריגן.

די כעווערע האָבן באַקומען אַ באַפֿעל, די רעגע מאַכן אַ סאָף צו אַלע מינים שמועסן און מאַכן נאַכט. אָבער זיי האָבן זיך נאָך לאַנג ניט געקענט באַרויִקן. און אויף מאָרגן האָט מען זיך דערוווּסט, אַז די מומע וואַריאַ האָט זיך אויסגעבראָכן אַ האַנט און צעמאַזיקט אַ קליב. מע האָט זי אָפּגעפֿירט קיין פֿעאָדאָסיע, אין שפּיטאָל אַרײַן, און קיינער ווייסט גאָרניט, ווען זי וועט געזונט ווערן.

די מומע וואַריאַ האָט דאָך קעסיידער אַזוי ליב געהאַט אירע לײַט פֿון דער זוניקער, אַז זי פֿלעגט קיינמאָל אַפֿילע אין אורלויב ניט אַוועקפֿאָרן: אַלע עלף יאָר האָט זי טאָג אַזוי ווי נאַכט זיך

געפונען אם דערמאָ קליינעם פאסיקל ערד, פונקט ווי עמעצער וואָלט זי צוגעשטירט צו די יינסע הילצערנע בעטלעך.

בעטערע איז זי געווען א בייזע און א פעסטע, פלעג זי זעלטנ־ הען פּראָוען צעריסלעכע שטיק מיט די לײַט פון דער זוניקער.– אָבער דאָך האָבן זי די כעוורע אזוי ליב געהאט, און אפילו חוץ ס׳זיי איינגעקומען פאָרן אהיים צו די טאטעס מיט די מאַמעס, פלעגן זיי מאכן געווײנען בייסן געזעגענען זיך מיט איר.

און אָטאָ איצטער איז זי ניטאָ, און ס׳ניטאָ איזראַיל בויסטי־ יטש. צי איז עס אפשטאָל ניט די סיבע, פאַרוואָס אז דער זונ־ קער האָבן זיך מיטאמאָל א טאָג געטאָן אזויפיל מעשונעדיקע און בייזע געשעענישן? צי איז עס אפשטאָל ניט די סיבע, איבער וואָס די גאנצע זוניקע, ווי טאַלאַבאַן דריקט זיך אייס, איז שיר ארעקגעפלויגן צו אלדע רוכעס!!

צווייטער טייל

ליקווידירן דעם דורכרייס

1. די פלאנעטע און די פאנ

ווער־זשע קען פארבייטן די מומע ווארקא?

אנשטאט איר איז אט א קירצער צייט אָנגעקומען עפעס איינע א פאני פּראנצעזונא, דאָס פּאָנעם שטארק אָנגעפּודערט־און מיט גאָלדענע ציינ.

זי האָט, קענטיק, זייער ליב געהאט די נאטור, ווייל זי פלעג אַלע רעגע אויסרופן:

- מיט א קוק, קינדערלעך, סארא מין שיינער וואַלד.

און זי האָט ניט אויפגעהערט דערציילן די קינדער וועגן איר פאַפּיגײַ, וואָס איז, לויט אירע ווערטער, קלוג ווי א פּראָפעסער.

די בעזאָרגע פון דער זוניקער האָבן אז איר געוואָרפן אן אומ־ביינ. די עלטערע האָבן איר גלייך די ערשטע רעגע עס געגעבן צו פילן. זי האָט זיך באַליידיקט, האָט זיך אָנגעבלאָזן, איז אוועק צו די קליינע און האָט זיי גענומען ווייזן איר פאמיליע־אלבאָם.

— אָט דאָס איז מיין פעטער פרידריך... און דאָס איז מיין שוועסטערקינד פערדינאנד. און דאָס־אָ איז מיין ערשטער מאן פעליקס... מיט א קוק א פּאָר וואָנסיעס!

ציבעלע האָט מיט האס געקוקט אף איר:

— ווו האָט מען עס אויסגעגראָבן אזא לאבודרע?

— אין וואנטצייטונג דארף מען זי, אָט די טומבע! — האָט פאניא מורישקינא אויפגעגעבן.

— כאַפּט זי דער רוּעכ! — האָט סאָלאָמאָן פֿאַרצאָרנט געזאָגט. לאָמיר צולײַדן. ס'איז דאָך ניט מער, ווי עטלעכע טעג.

סאָלאָמאָנען איז געווען אומעטיק אָן איזראַיל מויסייכשן, דערפֿאַר האָט זײַן פּאָנעם געהאַט אַן אויסזען, ווי די ציין וואָלטן אים ווײ געטאָן.

וועמען האָט איצטער יאָ אָפּגעגליקט? דעם פּאַרבּיטערטסטן סוינע זײַנעם: פּאַני פּראַנצעווגאַ איז געוואָרן אַ גאַנצע גוטע־שוועסטער מיט הובען, און זי האָט אפֿילע געהייסן אים אומקערן די פֿרײַהײַט.

— דערפֿאַר, וואָס ער איז אינגאַנצן ענלעך אַף מײַן פֿעליקסן:

מע האָט אַרויסגעטראָגן בובען אַפֿן אַלגעמיינעם פּלאַץ און מע האָט אים אוועקגעשטעלט זײַן בעטל ניט ווײַט פֿון דער פּאַמפּ וואַסער.

ער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקע פֿרייד, איז געזעסן אַן אָנגעבלאָזענער און האָט אַף קיינעם ניט געקוקט. סעריאָזשאַ האָט זיך אין אים אײַנגעקוקט מיט נײַגעריקײַט: איז אָט דאָס איז ער עס, דער דראָזיקער בובאַ — און נאָר? סאָ וואָס־זשע איז אין איך דאָ אַזעלעכס? מער ניט, וואָס ער איז אַן אומעטיקער און אַ שלעפֿעריקער. ער איז זייער ענלעך אַף אַ נאַכט־פֿויגל: אי די אויגן זײַנען בײַ אים ווי בײַ אַ נאַכט־פֿויגל, קײַלעכדיקע, אי אינגאַנצן איז ער עפּעס אַן אויפֿגעדרודלטער.

צום אומגליק, איז בובעס נאָענטסטער שכן לעבן בעטל געווען אילקאָ.

אילקאָ האָט טיקעס פֿון דער ערשטער רעגע גענומען קריכן יענעם אונטער די נעגל. ס'האָט זיך אים זייער געוואָלט אויסנעמען בײַ בובען, אים צוליב טון, ווערן מיט אים כאַווער.

אַזוי ווי דער חינס האָט געטראָגן אין זײַן ריכטונג אַלע מאָנאַכן, וואָס די כעווירע האָבן געלאָזט, האָט אילקאָ זיך אונטערגענומען אַן אַרבעט — כאַפּן די אַלע מאָנאַכן מיט זײַן כאַפּעלקע און ווי מיט אַ קנעכטיש געלעכטערל איבערגעבן בובען.

בובא האָט זיי בייז געכאַפט, זיי געקאָטשעט, אונ ניט קוקנ־דיק אינ קיינעמס זײַט, געשטופט אונטערנ מאַטראַצ.

די געליבענע האָבנ געשריגנ אונ זיכ געווידלט, נאָר ער האָט זיכ געמאַכט ניט הערנדיק אונ זיכ געכאָנ ווײַנס.

ווי אילקאָ האָט באַמערקט, אז בובענ האָט זיכ צוגעגעסנ אָט די שפּיל, האָט ער זיכ טייקעף גענומענ צו א צווייטער.

ער האָט ווייער קונציק געקענט שפּײַענ אם א מעהאַלעכ פונ צוויי מיט א האַלבנ אַרשינ, אונ פאַר אַסאַכ יאָרנ טרענירנ זיכ האָט ער דערפירט דעמ טאַלאַנט ביז צו פולקומקײַט. איצט, וועלנדיק אויסנעמענ בא בובענ, האָט ער אים באַוויזנ א גאַנצע ריי דערגרייכונגענ אינ דער־אָ גרויסער קונסט. ער האָט זיכ גע־צילט אונ געטראָפנ ווייער קונציק מיט זײַנ שפּײַענ אינ די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקסטע זאַכנ.

בובא איז אַזוי־ווי א קאַפּעלע אופגעלעבט געוואָרנ. מעגלעכ, אז ער איז אינ זײַנ צײַט אַליינ געווענ א טשעמפּיאָנ פונ דעמ־אָ „אײַדעלנ" אַרט ספּאָרט. אָבער דאָכ האָט ער מיט קיינ איינ גוטנ שמייכל ניט באַוויליקט דעמ אָרעמענ אילקאָ.

דאנ האָט אילקאָ באַשלאָסנ אויספּרוּוונ דאָס לעצטע מיטל אונ דערוועכנ פאַר זיכ בובעס כאַווערשאַפט פאַר דעמ סאַמע גרעסטנ אונ שווערסטנ אופטו.

אָט דער־אָ אופטו וועט לאַנג ניט פאַרגעסנ ווערנ אינ דער געשיכטע פונ דער סאַנאַטאָריע. דערפאַר, וואָס פונקט טאַקע נאָכ דעמ־אָ אופטו איז די זוניקע, לויט סאַלאָמאָנס אויסדרוק, טאַקע אַוועקגעפלויגנ צו אַלדע רוכעס.

אינ דער זוניקער איז געווענ איינער א הויקער ענווער. א זונ פונ א קרימער קאָלווירטניק א טאָטער. ענווער האָט פאַר־מאָגט אנ אוצער: א גלאָבוס — א קלייניקנ, ניט גרעסער פונ א מאַראַנצ. ענווער האָט געטאָגט אונ גענעכטיקט מיט דעמ־אָ גלאָבוס. דער גאַנצער שטילער אָקעאַנ איז אים געווענ נאָ־ענט אינ באַקאַנט, ווי זײַנ אייגנ דאָרפ, אונ בעשאַס ער

פלעג זיך אין אים שפּעגלאנג אײַנקוקן, פלעג ער זיך פילן ווי א לעבעדיקער איידעס פון די ציקונפטיקע שלאכטן.

איז אָט האָט אילקאָ, אָט דער אילקאָ, וואָס האָט אזוי קונציק געארבעט מיט דער כאפּעלקע, נאָך עטלעכע אומגעלונגענע פּרווון אוועקגעוואָרפן בא אים אָט דעם־אָ גלאָבוס, און פּונקט אין דער צײַט, ווען די געניטע סאניטארן האָבן ארײַנגעטראָגן די גרויסע פאן מיט בערשטע. האָט אילקאָ זיך אָנגעצילעוועט אין ארײַנגעשלײַדערט דעם גלאָבוס גלײַך אין פאן ארײַן. יאָ, גלײַך אין בערשטש ארײַן,— איבערן גאנצן פּלאַץ.

איצטער וועט אים שוין בובא אומבאדינגט ליב קריגן.

דער גלאָבוס האָט זיך א פּליוסקע געטאָן אין דער פעטער פליסיקײַט און באליאפּעט די סאניטאַרן מיט געלע פלעקן.

די כעוורע האָבן גענומען הוקען, וויינען, וואַרפן זיך.

סאני פראנצעוונא, וואָס איז קעסיידער געווען געצווונגען צו זען דעם גלאָבוס בא ענווערן אין די הענט, האָט די ערשטע רעגע באשלאָסן, אז דאָס איז ענווערס ארבעט, און זי איז אָנגעפאלן אף אים ווי א טיגערשע.

— ס׳איז דו, ס׳איז דו, ס׳איז דו!..

און ענווער, וואָס פאר אים איז דער גלאָבוס געווען טײַערער פונ אלצ אפ דער וועלט, האָט אויסגעצויגנ די הענט צו דעמסאנ און האָט אָנ אופהער געכאוערט:

— ס׳איז מײַנער! ס׳איז מײַנער! ס׳איז מײַנער!

געקומענ צו לויפנ דער דאָקטער — צעקאכטס, און סאקאָנעס. און פריִער פאר אלצ האָט ער באפוילנ, אז מע זאָל וובענ די רעגע אָפשיקנ צוריק אינ איזאָליאטער, און דערנאָכ האָט ער צאָרנדיק א קוק געטאָנ אפ אילקאָענ:

— אכ דו, מארימאָנדע עגיפטישע!

אילקאָ האָט זיכ אופגעהאָרבעט און געגומענ בורטשענ:

— ס׳האָב איכ אוסגערנ.

דער דאָקטער האָט גענומענ פיכקענ, ווי א לאָקאָמאָטיוו.

דעמ באָרשטש האָט מענ אוועקגעטראָגנ און פארביטנ מיט קאלטער יושקע. ענווערנ האָט מענ צוגעזאָגט א נײַעמ גלאָבוס. אָבער ער איז געווענ אזוי פארטרויערט, אז ער האָט ניט אופגעהערט צו באוויינענ דעמ אלטנ. דעמזעלבנ טאָג האָט די פארזאמלונג פונ די רינגלער באהאנדלט אילקאָס אופירונג, און מע האָט איינשטימיק ארויסגעטראָגנ אנ אורטייל: פאר זײַנ כוליגאַנישנ אופטו נעמט מענ אָפ בא אילקאָענ די רעכט אָנטייל צו נעמענ אינ דער פײַערונג פונעמ ערשטנ מײַ.

דאָס איז געווענ זייער א שטרענגע שטראָף. און זי פלעג אָנגעווענדט ווערנ צו די סאמע שווערסטע פארברעכער. אָבער אילקאָ האָט נאָר א דריי געטאָנ מיטנ פיסק און געענטפערט:

— ביטע. וויינענ וועל איכ זיכ ניט זעצנ.

אָבער זיכ מאכנ גרינג דאָס הארצ האָט זיכ אים אײַנגעגעבנ ניט אפ לאנג. וואָרעמ אינגיכנ האָט עס אים זייער

א נעמ געטאָנ בא דער לעבער. דערפאר, וואָס זאָיא לוואָינא איז געקומענ אפנ פלאצ אונ געמאָלדנ אנ אומווידערנדיקע נײַעס.

ס'איז באשלאָסנ געוואָרנ, אז דעמ ערשטנ מײַ וועט מענ אלעמענ, סײַ די גייענדיקע, סײַ די ליגנדיקע, ביז איינעמ, אוועק־פירנ אפ לאסט־אויטאָמאָבילנ ווײַט־ווײַט — אויפ ביז צומ פענסאפ־יער קאָלווירס, אינ צוריק.

אפ לאסט־אויטאָמאָבילנ! אָט דאָס איז גרויסארטיק! די גאנ־צע זוניקע איז אויסגעשײַנט געוואָרנ פונ פרייד. וואָרעמ אכאכ היגע כעוורע זײַנענ דאָכ אזויפיל יאָר, אזויפיל יאָר אָפגעלעגנ אינ בעט. אזויפיל יאָרנ ניט געזענ קיינ אויטאָמאָבילנ, ניט קיינ אייפעס, ניט קיינ בעהיימעס, ניט קיינ ערשטמײַיקע דעמאָנסטרא־ציעס, ניט קיינ גאסנ.

— איכ וועל זענ א טראקטער! — האָט זיכ ציבעלע פארצאפלט, אונ א מיל...

— אונ איכ א אינדעק...

זיכ אײַנהערנדיק אינ אָט די־אָ פריילעכע אויסגעשרייענ, האָט אילקאָ לאנג־לאנג זיכ געשטארקט מיט אנ אראָפהענגענדיקער ליפ. אָבער דערנאָכ האָט ער זיכ צעכליפעט, ווי אנ אלטע באבע:

— אוי, טײַערינקע! אוי, איכ שיינ מער ניט!.. אוי, נעמט מיכ אויכעט מיט זיכ דורכקאטײַענ.

— פאר לישענצעס איז פארבאָטנ, — האָט פאניא געענטפערט מיט א באס.

2. אילקאָ

אילקאָ האָט געהאָפט, אז בובא וועט אָפשאצנ זײַנ העלדנטאט אונ וועט מיט אימ ווערנ דער נאָענטסטער כאווער.

אָבער בובא האָט אימ ניט נאָר ניט ארויסגעוויזנ קיינ שומ צי־געלאָזנקײַט, נאָר פארנ אוועקגאנג אינ איזאָליאטאָר האָט ער נאָכ אפילע צו אימ א בורטשע געטאָנ אמ אָפשייד עפעס א וואָרט אזויוי „האדי" אָדער „האדיוקא".

אָט דאָס איז דאפקע זײַער געווענ צוגעפאסט פאר אילקאָענ. ער איז מאקע ווירקלעכ געווענ ענלעכ עפעס אפ א מיִעסקײַט, אונ קיינער פינ די באוויירים האָט אים אָנקוקנ ניט געקענט.

מע דערציילט, אז איידער ער איז אָנגעקומענ אינ דער וונקער, האָט ער פונ מאמע פריִענ עלטער אָנ געהאָלפנ דעם טאטנ זײַנעם האנדלענ. דער טאטע זײַנער האָט געהאלטנ אינ אָדעס א בודקע מיט לימאָנאד, אונ דאָס יאטל האָט דאָרטנ פארבראכט זײַנ גאנצע קינדהייט. א שכים האָט ער פארמאָגט א פאלשע אינ א סאכארינענע, אזוי ווי בא א פראָפעסיאָנעלנ בעטלער.

אז ער פלעג קריִאנטשענ בא עמעצנ א בענדעלע, א פודעלע, אָדער א מארקע, פלעג ער מאכנ א ראכמאָנעס־פאָנעם אונ אז א ניבעסנ אויפנ אויסזינגענ מיט זײַנ ווייגענדיקנ קעלנכל:

— נו, איכ בעט דיכ, נו, סײַערינקער, נו, גאָלדענער, נו, בריליאנטענער!

אונ אז מע פלעג אים פירנ אינ איבערבינד־קאבינעט, פלעג ער פישטשענ אונ כליפענ מיט א פאָנטערײַ:

— אוי, לאָזט אָפ! אוי, מע דארפ ניט! אוי, שיינינקע מײַנע!

אלע פלעגנ קוקנ מיט פאראכטונג אפ דעם־אָ פישטשענדיקנ פאכדנ. די כעוורע האָבנ זייער גוט געוווסט, אז ער איז ווינציקער שלאפ ווי אסאכ אנדערע. דעריבער האָט זי געקערט די גאל פונ זײַנע אומאָנשטענדיקע יאָמערײַענ.

— הער אופ צו פראוועננ שטיק! — האָט סאָלאָמאָנ געטײַנעט. — דו ביסט ערגער פונ בובענ. דו ביסט א כארפע אינ א שאנד פאר דער גאנצער וונקער. טו א קוק אפ ענווערנ. בא אים איז אי די פלייצע, אי די קני, אי די נירנ, — ווײנט ער כאָטשבי א העלפט־כיילעק פונ דיר? טו א קוק אפ פעדיענ: מע האָט אים נאָר־וואָס אויסגעשאָבנ די קני־שיידל...

אילקאָ האָט זיכ אינ אזעלכע מאָמענטנ געכיינדלט, אופגעדרייט זיכ אונ געבעטנ: „האָט קיינ פאריבל ניט, אנטשולדיקט", אונ אפ מאָרגנ האָט ער ווייטער געפראוועט די אייגענע שטיק.

און אַ יאַבעדניק איז דאָס געווען -- אַ טאַקאַנטעס. טאָג אויזויי
נאַכט העסטו פון אים נאָר הערן:

— זאָיאַ לוואָזנאַ, וואָלאָדיאַ רייצט זיך.

— זאָיאַ לוואָזנאַ, פּימקע וואַרפט זיך מיט געפּייניקטע שנעקלעך...

— זאָיאַ לוואָזנאַ, פּעטקע רופט מיך טשעפּעבערלען...

און טאָמער האָט זאָיאַ לוואָזינאַ געמאַכט דעם שולדיקן אַן אויסרייד, פלעגן אילקאָ צובאַמקען אין איר קוקן הונטיש־קנעכטיש אין די אויגן אַריין. אָבער גענוג איז נאָר געווען, אַז די עלטערע זאָלן זיך ערגעץ אָפּקערן, ווי ער פלעגן אָפּטון שפּיצלעך הינטן־אַרום אַלעמען און יעדערן באַזונדער.

בײַ גיטען האָט ער אויסגעגעבן די אויסלענדישע מאַרקעס, אַ קוק צו טון, און האָט זיי אומגעקערט אויסגעקליבן דעם בעסטן וויינס.

בײַ ליאָליען האָט ער אויסגענאַרט איר קליינינק, קנעלעכדיק שפּיגעלע און גענומען לאָזן אין איר העזעלעך. אין דאָרטן זײַנען די העזעלעך זייער שאַרפע, מע קען מאַמעש בלינד ווערן.

מיט דער כאַפּעלקע האָט ער אויסגעכאַפּט בײַ נינען די מיזי־צע און זי פאַרוואָרפן פון יענער זײַט בײַם אינעם גאָרטן, אַזוי, אַז מע האָט זי לאַנג ניט געקענט געפינען.

אָט דער־אָ נינען פלעגן ער דערגיין די יאָרן עפּעס אין אַ באַזונדער מין אופן. נינאַ האָט שוין אָנגעהויבן געזונט ווערן, פלעגן מען זי פּאַמעלעכן צוגעוווינען אַרומגיין. דערפאַר, וואָס נאָך עטלעכע יאָר ליגן זײַנען בײַ איר די פיס אָפּגעשוואַכט געוואָרן און האָבן זיך שוין אָפּגעוווינט פון גיין. יעדער טאָג פלעגט מען זי אויפהייבן פון געלעגער, און זי פלעגן זיך לאַנגזאַם קריכן מיט אירע מיליצעס צום באַסיין, וווּ עס זײַנען געשוווּמען פישעלעך. אילקאָ האָט איר, ווײַזט אויס, מעקאַנע געווען, וואָס זי הייבט שוין אָן אַרומגיין, דעריבער פלעגן ער אָן אויטהער זוכן געלעגנ־הייטן אין איר דערגיין צום האַרצן.

זי איז געווען א קורצזיכטיקע. בעט זי איינמאָל אילקאָ מיט זײַנע פֿרעמדאַניש־כניקעגדיקער קסים, אַז זי זאָל אים אופהייבן פון דער ערד אָט יענצאָ גלאַנציקע שוואַרצינקע רינגעלע, וואָס ליגט אָטאָ לעבן געשליפערטן בוים.

— נו, איך בעט דיך, נו, גאָלדענע, נו, זילבערנע!...

די קינדער, וואָס גייען שוין אום, האלטן פאר זייער אום־באדינגטן כויוו אויפצוזיין אזעלכע מינים ביטעס פאר די ליגנ־דיקע. נינא האָט זיך אָנגעבויגן, האָט א כאפּ געטאָן דאָס רינגע־לע, און פלוצים האָט זי אויסגעשריגן פאר שרעק און האָט שטארק א טרייסל געטאָן מיט דער האַנט: דאָס איז געווען ניט קיין רינ־געלע, דאָס איז געווען א העסלעכער וואָרעם, וואָס באגעגנט זיך אָפט אַף דאָרעם אין די פייכטע ערטער. אילקאָ האָט זיך גע־נומען קוויטשן, כיכיקען, דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן מיט א געמאכטער גוטמוטיקײַט:

— זאָל איך אזוי לעבן, אז ס׳איז אומגערן. איך האָב געמיינט— א רינגעלע, צום סאָף איז דאָס א וואָרעם.

— דו ביסט אליין א וואָרעם! — האָט נינא אויסגעבראכט און אייסדריקלעך א שעפּסשע געטאָן.

אלע האָבן זיך אומגעקוקט אַף אילקאָען און האָבן דערזען, אז ער איז ווירקלעך א וואָרעם מיט אלע פישטשעווקעס, ווײַל ער איז אויך אזוי דינער, אזוי גלאנציקער, שלענגלט זיך און קאָרטשעט זיך.

— וואָרעם! — האָבן אלע אונטערגעכאפּט, און פון יענער רעגע אָן איז ער פארבליבן א וואָרעם אַף שטענדיק.

3. „אלץ איז אוועקגעפלויגן צו אלדע רוכעס“

ביז איצטער האָבן די ווניקע געלעבנס געטרײַ צווישן זיך און בעשאָלעם. יעדער וואָרט דעם דאָקטערס איז פאר זיי געווען א געזעץ, ווײַל זיי האָבן פארשטאנען, אז אָן דערויף וועלן זיי קיינמאָל

ניט געווגט ווערן. די דיסציפלין פלעג אָפּגעהיט ווערן דורכן גאַנצן קאָלעקטיוו, און דער קאָלעקטיוו איז דאָרט געווען א שטאַרק אָרגאַניזירטער. ער איז געווען צעטיילט אַף 11 רינגען, און יעדער רינג צו 5 כעווערע. פאַר רינגלער האָט מען קאָנסיידער אויסגעקליבן די בעסטע כעווערע, און יעדער רינגלער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זײַן פינפלינג.

אָבער צום אומגליק האָט מען געבראַכט צו פירן אין דער זיניקער א גאַנצע פּאַרטיע מיט שלאַפע, אויסגעדרופענע ווילדע, ד. ה. מענטשן, וואָס זײַנען נאָך ניט צוגעוווינט צום היגן רעזשים. וואָלט מען זיי געווען דאַרפן צעטיילן איבער פאַרשיידענע רינגען, אָבער די נאַרישע פאַני פּראַנצעווונא האָט זיי איפּנעטיטשעט אַלע אין איין בינטל — טאַקע לעבן יענעמאָ פעסל ניט ווײַט פון אילקאָען. אזוי, אַז באַם פעסל האָט זיך אויסגעבילדעט א גאַנצע קאָלאָניע מיט ווילדע, וואָס האָבן עפּשער ניט אזוי שטאַרק געט־ביאַנעוועט, נאָר האָבן געהאַלטן אין איין ניט פאָלגן.

דעריקער צאָרע איז פאַר זיי געווען דער אימעט.

בײַקומען אָט דעם־אָ אומעט איז די לאַנגווײַליקע לערערקע לידמילא פּעטראָוונא, פאַרשטייט זיך, ניט געווען בעקויעך. זי האָט עס צײַטווײַליק געדאַרפט פאַרבײַטן איוראַיל מוסייטשן. ליודמילא פּעטראָוונא פלעג ריידן פון דעמזעלבן, וואָס ער פלעג ריידן. אָבער איר רעדע פלעג זיך גיסן, ווי וואַסער פון א גוטן קראַן — אין אזא מין מעסיקן און אײַנשלעפערנדיקן שטראָם.

— הייסט עס, כעווערע, — פלעג זי שלעפערדיק אָנהייבן, — אַז מיר האָבן לויט אַלע צײַגערס איבערגעשטיגן דעם פּלאַן אַף 119 פּראָצענט... און אויב מירן נאָך נעמען די טעקסטיל־אינדוסטריע...

און אַלעמאָל כאַפּט זי א קוק אַפּן זייגער.

אַפילע די ווערטער ענטוזיאַזם און שטורעם פלעגן זיך בא איר אויסריידן, ווי מיט א געניץ.

אײַנאַלגעמיין פלעגן לויט אירע דערציילונגען זיך באַקומען אַלץ אזוי גלאַט און אזוי בעשאָלעמדיק, אַז מע האָט זיך גאָר

פארשפארט פאר וואס ס'ניט איך באומרויקן, און א גענעצנדיקער לאנגוויל פלעג ארומכאפן די גאנצע זוניקע.

בלויז צווישן טאָג און נאכט, ווען ליודמילא פעטראָוונא פלעג קומען מיט אבי וועלכן פארכאפנדיקן ביכל, פלעג זיך אין דער זוניקער צוריק אָנהייבן א געשמאַק לעבן.

סטריאָזשא האָט שטארק ליב געהאט אָט די פארנאכטיקע שאָען.

דער ווינט פלעג צוגעשטילט ווערן. דער יאם פלעג ווערן אזוי איבערגעוויינלעך גיט, גלייכגילטיק און אימעטיק. אפן הימל האָט מען שוין קענען געזען זיך א שטערן.

נאָך א גאנצן טאָג מיט ווינט און מיט זון איז גוט צו ליגן אונטערן שיינעם הימל און הערן, ווי אזוי מע לייענט וועגן דער „רעפּובליק שקיד".

די כאפּעלקעס רוען אויך איצט ניט איין. אַבאַ פון דעם, אָטאָ פון יענעם בעט פליען זיי אין אנדערע רינגן, זיי וואקלען, און בלייבן הענגען אפן אן אייזערנער קראַקיוע פונעם בעט. אָבער אין דער־אָ שטילער פארנאכטיקער שאָ ווערן אָן אפילו די כאַ־פּעלקעס ווייטער קריגעריש אויבנען און זיי קומען אויס עפּעס מילד און צוגעלאָזט. אזעלכע זיינען זיי טאָקע אין דער־אָ צייט. די כאפּעלקעס פליען איצטער אינגער ניט אויס שטיפעריי, ניט צוליב קיין רויב אָדער קריגצילן, נאָר פּאַמעלעך אזוי זיך, בלויז ווי עס איז איבערדריקן שטילע עטיאָס טרויערדיקע פרייד, וואָס פילט עפּעס אָן די הערצער בא אזעלכע שאָען.

— מיר ווארפן זיי שטילינקערהייט, שעפּטשענדיקע,—האָט ליאַ־ליא עפּעס איינמאָל א זאָג געטאָן. און ווירקלעך, אין דער־אָ כאפּעלקעס איז געווען א שעפּטשעריי.

אז די מימע וואַריא איז נאָך נישט געקומען, פלעגן זי פינקט אין דער־אָ צייט זיך אראָפּלאָזן צו די כאטע שווערטשע קראַנ־קע, און די פיבערנדיקע קינדער, באזונדערס די מיידלעך, פרעגן דאַרשטיק טוליען צו אירע דראָטיקע הענט ווייטער באַקן אין שטערנס.

אין די־אָ שטילע דעמערונג־שעהען פלעגן זיי באַזונדערס גערן באַגעגענען יעדער געטריַיע צערטלעכקייט.

אָבער צוביסלעכווײַז האָט די וואָנקע איך אין די־אָ שטילע מינוטן אָנגעהויבן פּלודערן און בושעווען.

און ווירקלעך, ס'איז טאַקע אַלץ אַוועקגעפלויגן צו אַלדע רוחות.

ליודמילאַ פּעטראָוונאַ פלעג, ווי געוויינלעך, פּונקט זעקס אַרויס־לויפן אַפן מיטן פּלאַץ, ווי אַן אַקטריסע אַף דער סצענע, און זיי ליגענען וועגן דער „רעפּובליקע שקיד". אָבער געהערט האָט זי נאָר דאָס קליינוואַרג; ס'גייט ניט דורך אפילו קיין איינס מינוט, ווי זי כאַפּט שוין דאָס גלעקעלע און נעמט קלינגען, און נעמט בעטן, מע זאָל אַנטשווייגן ווערן, און לויפט אום פון בעט צו בעט:

— אָבער שטילער אַביסל, שטילער, שטילער!

פריִער פלעגן די רינגלער אין די־אָ מאַרנאַכטיקע שעהען זייער שטיל, אַז מע פלעגט אפילו ניט הערן וויִאַזוי, ברענגען אין אָרדענונג די היפּשע ווירטשאַפט דעם רינגס, און איצטער ליגן אַלע ביכער צונויפגעשטורכעט אין איין צעקאָשעטן הויפן, די שאַשקעס וויַיזען איבערגעמישט מיט די שאַכמאַטן, די בליַיערס וואַלגערן זיך אונטער די בעטן, די קאָרטלעך פליִען אַוועק ציט געשלייערטן בוים.

וואָס דאַרף מען מער, אפילו די בעסטע קינדער וויַיזען אַראָפּ פון וועג. ווי לאַנג איז אינדערינען, אַז סעריאָזשאַ איז מעקאַנע געוועזן ליאַליען, וויִאַזוי זי הייבט אום אינדערהייך איר דינעם פוס, צווישן די פינגער לאָזט זי דורך אַ לאַנגע סטענגע פון אַ בינט און וויקלט גיך־גיך צינויף אָט די־אָ סטענגע מיט די הענט. איצט אָבער, אַז ליאַליאַ טוט אַ קוק אַפן בינט, נעמט זי זיך קרימען:

— איך וו י ל ניט... איך וו ע ל ניט... ס'שוין מיר נימעס...

ס'גאָר ניט לאַנג אינדערינען, אַז עַנווער דער רינגלער פלעג אַ מעט געבן נינאַ די גייטנזשיקע, פלעגן זי ביזן גרויס פאַרגעניגן

צונויפלייגן די מאַכנאַטע האַנטעכער, וואָס מע נעמט מיט זיך אין וואַנע אַרײַן, און איינס האָט זי זיי אים א שמיץ געטאָן אַז צוריק:

— טשעפּע זיך אָפּ, איך בעט דיך, מיט דײַנע מאַכנאַטקעס, לייג אַליין צונויף, אויב ס׳איז דיר געפעלן!

ענידער איז געוואָרן אַזוי ברוגז, אַז די פּלייצע איז בײַ אים אויש רויט געוואָרן.

— אך דו! באַסמאַלקע היגטישע!

און ער האָט איר א שמיץ געטאָן די מאַכנאַטקעס אין פּאָ־נעם אַרײַן.

— אָבער אָפּ־צע־לאָכעס וועל איך גאָר ניט. איך וויל ניט, און איך וועל ניט! — און זי האָט ווידער א שמיץ געטאָן די מאַכנאַטקעס אַפּ צוריק.

אַזוי זײַנען די האַנטעכער אומגעפלויגן צווישן ענידערן מיט נינען, ביז אַגלאַיאַ האָט זיי ניט איבערגעכאַפּט.

און א בייזע קריגערײַ האָט ארומגעכאַפּט די גאַנצע זיניקע. אַפּילע זיוקאַ האָט זיך צעקריגט מיט זײַן גאָענטסטן פרײַנט — מיט ציבעלען. איבער א קליינינקײַט, איבער א גאָרניט מיט א נישט. איבער א פּאָשעטער ניר־פּאַנגדלענדער מאַרקע. זיי זײַנען ביידע געלעגן אָנגעבלאָזענע און האָבן זיך געגלאָצט איינער אַפן צווייטן, ווי צוויי פײַנט.

צעבראָכן געוואָרן איז זוניקער די דיסציפּלין.

עפּעס איז אַלעמען פּיטאַמאָל ניט געוואָרן צו ליגן אומבאַוועגלעך. אַלע האָבן זיך גענומען קלאָגן, אַז ס׳זיי ניט באַקוועם, מע האָט זיך גענומען זוכן נײַע פּאָזעס, און איינעם, דעם סאַמע געדולדיקן און מוסטערהאַפטן צווישן די קינדער — דעם נײַנ־יאָריקן קיריושאַ קאָריסניקאָוו, האָט זיך גאָר אײַנגעטשעקע־דרייט נען פאַרוואָלט זיך אַראָפּקריכן פון בעט אַפן דיל. ער האָט קונ־ציק אָפּגעשפּיליעט אַלע פּעטעלקעס, מיט וועלכע ער איז געווען צוגעפעסטיקט, ער האָט גענומען א ליאַסקע זיך דער קאָפּ און איינ־

אקסל אין די תּאַרסע קיול־שטיינדלעך און איז געבליבן הענגען אַם איין פוס. איז שוין עפּעס א חידעש, וואָס זײַן קראנקער קליב איז געוואָרן נאָך קראַנקער?

ביכלאל, ווי די דיסציפּלין האָט נאָר געניטען פאלן, אזוי זײַנען אסאך פון די קראנקע חעווריע געוואָרן נאָך קראַנקער. בא אסאך פון זיי האָט זיך געהעכערט די טעמפּעראַטור.

די שוויַנגשאָ פלעגן חען דורכפירן אבי אָפּקומען. ווער סע ־ס, ווער סע רוט ניט אײַן אַם קיין אָרט, ווער סע שושקעט און ווער סע חרײַבט פון זיך פליגן, וואָס זײַנען ניטאָ — מע האָט געשטעט אי זיך אליין, אי איינער דעם צווייטן.

זאַיאַ לחאָוונא האָט זיך ארויסגעשלאָגן פון די קויטעס. זי האָט געהאַלטן אין איין אײַנריידן די חעווריע, זיי זאָלן זיך נעמען אין די הענט, אָבער זיי האָבן זיך איינגעזוי פון א קריט אָפּגעריסן.

אילקאַ האָט זיך געפילט ווי א פיש אין וואסער. ער האָט אויסגעלערנט די גאנצע קאָלאָניע וויילדע, אז זיי זאָלן הויקען אָט דיזאָ לעפישע ליד:

טאנץ א פאַמפאַדורע,
פּאַדורע, פּאַדורע,
אָט טאַפּסטע אין דער צירע
אין צורע! אין צורע!
מיט א הייסן פוסט!

אָט דיזאָ ליד האָט ער זיך אויסגעלערנט פון בובען, און זיי פלעגן זי זינגען אָן אן אָפּשטעל אמאָל פערציק נאָכאנאנד. די ליד איז געוואָרן עפּעס א מין אונטערגאנג: מע האָט זי גענו־מען אונטערכאַפּן אין די סאמע ווייטסטע ווינקלען.

— ס׳ניט קיין ליד, נאָר עפּעס א כאָליערע,— האָט סאָלאָמאָן געטייַנעט.

אין ווירקלעך, איר ניגן איז געווען אזוי אָנשטעקיק, אז אפי־לע סעריאָזשא, וואָס אים האָט געשלאָגן צום הארצן פון איר,



האָס זי פארסראכסערהייס אליין איבערגעזונגען צוויי־דריי מאָל און האָס זיך געמוזס פארשסעלן מיס דער האנס דאָס מויל, ער זאָל זיך נאָכאמאָל ניס בעזינגען.

סאָסקאָלסאָס האָס ליודמילא פעסראָחנא ניס אויסגעהאלסן, זי האָס מיס קאעס געגעבן א פארמאך דאָס ביכל און האָס גע־סאָלדן, אז מער לייענס זי ניס:

— דערפאר, חאָס איר זיינס אלע היינס עפעס מעשוגע גע־חאָרן.

און סייקעס האָס עמעצער פון אילקאָס באנדע איר געענס־פערס מיסן זעלבן ניגן:

לייען, לייען, ליודא,
ליודמורא, ליודמורא,
אָס כאפססו אין דער צורע!
אין צורע! אין צורע!
מיס א הייסן פויסס!

פונקס ווי עמעצער חאָלס ליודמילא פעסראָוונעס סאקע אינ־דערעסעסן געגעבן א פאסש אין פאָנעם. זי האָס זיך צעקווי־סשעס און זיך אָנגעכאפס מיס ביידע הענס פאר די באקן:

— איך... איך... איך!... — האָס זי זיך צעשריגן, — אָבער איר... אָבער איר... אָבער איר...

אזוי לאנג, ביז זי האָס סאקע ערשס ניס געכאפס דאָס פא־סיקע חאָרס, האָס זיך צעכליפעס און איז אינגאנצן אנסלאָפן געחאָרן.

די כעוורע האָבן נאָך ניס באוויזן קומען צו זיך, ווי אינ־דערלוססן האָס פלוצים א שחינדל געסאָן עפעס אן אייזערנע זאך, עפעס אזוי־ווי א שליסל, אזוי־ווי א צוויאָק. דאָס האָס עמע־צער פון דער קאָלאָניע חילדע (צוליב ניס אָססמאָל אילקאָ אליין?) א שמיץ געסאָן נאָך דער אנסלויפנדיקער ליודמילא פעסראָוונעס זיין כאפעלקע.

נאָכ גוט, וואָס ער האָט ניט געטראָפנ: די כאַפּעלקע האָט נאָר מעכאַנבער געזעג דאָס הילצערנע קוועטל, וואָס איז גע־שטאַנענ אַפנ טעסל נעבנ קראַנ.

דאָ האָבנ אַלע סופּציק שטיבענ זיכ צעטײַנעס, זיכ צעפּילדערס, זיכ צעלאַכקעס.

— א קאָשטמאר: האָט ליאָליא געגומענ קוויטשע.

— א שאַנדע! — האָט סאָלאָכאָנ זיכ צעשריגנ.

4. געהערט — באַשטימט

און אינדערעמעסנ — ס'איז דענ ניט קײנ שאַנדע?

וואָרעם מע זאָל זיכ נאָר דערמאַנענ. ווייל מי און שווערע ארבעט די גרויסע ארמײ האָרעפּאַשניקעס האָט געדאַרפט אװעק־לײגנ, ביז ס'דערגרייכט געוואָרנ אזא מעגלעכקײט, אז די סופּציק נאַקעטע האָליצעס זאָלנ זיכ קענענ אזוי זאָרגלאָז לײגנ אפ זײע־רע שנײ־ווײַסע בעטלעכ באַם ברעג פונ דאָרעמדיקנ יאַם.

פּונקט ווי די פּאַסאַזשירנ אפ א גרויסער שיפ באַמערקנ ניט די ארבעט פונ דער שיפ־מאַנשאַפט, אזוי האָבנ די־אָ סופּציק נאַקעטע האָליצעס ניט באַמערקט די טאָגטעגלעכע אומפאַהערלע־כע ארבעט פונ די סאַניטאַרנ, וואַכ־פרויענ, באַרעמהערציקע שוועס־טער און דאָקטוירים.

די פּאַסאַזשירנ שלאָפנ זיכ אינ די קאַיוטעט און זעענ פריי־לעכע כאַלומעס, אינ דער צײַט, ווענ די הייצערס, די מאַשיניסטנ, די מאַטראָסנ גיסנ זיכ אָפ פונ זייערטווענג מיטנ זיבעטנ שווייס.

זעקס מאָל דורכנ מעטלעס קומענ צו פליענ צו יעדער שלאָפנ די פּלינקפּיסיקע ניאַניעס און דערלאַנגענ זײ אפ בלענד־רײנעם געפּעס ייִכלעכ, קאָטלעטנ, באָרשטשעס. און א טערטל, און א גלאָז זויערמילכ, און פּאָזימקעס, און האָניק. הײַנט ווייל גערט־נערס, מילכיקערס, קוכערס און געבעקס־וועשערנס דאַרפנ עס האָ־רעווענ פונ אינדערפרי ביז אפּדערנאַכט, קעדײ די ניאַניע

קלאָטאָ אָדער די גיגאַנטיע אַגלאַיאַ זאָל קענען ברענגען און דעריאַנ־
גען אַז די טאָגן פֿון דעם אַ באַרג מיט עסן עפּעס אַ דאָרף איל־
קאָנג!

ביטראַכט, אַז באַם היילן פֿון טובערקולאָז פֿאָדערט זיך פֿריער פֿאַר אַלץ ריינקייט. און וויפֿל ציכעלעך, קישעלעך, האַנטעכער, טרוקן און סערוועטקעלעך דאַרפֿן עס די אומגעוויינטע וועשערינס און די אומגעוויינטע וועשערינס וואַשן און פּרעסן, און ווידעראַמאָל וואַשן, און ווידעראַמאָל פּרעסן - גאַר אָן אַ שאָט.

הײַנט די סאַניטאַרן! וויפֿל מאָל אַ טאָג מאַכן זיי די דירה, ביז זיי טראָגן איבער אַז די העלט סופּציק מאָל דאָס איז אין איזאָליאַטער, און דאָס איז אין קלאָזעט, און דאָס איז אין יאַ־ נעדצימער, און דאָס איז אין איבערבינד קאַבינעט, און דאָס איז אַז רענטגען, און דאָס איז אין פֿאַטאַטע אַרײַן.

הײַנט די זונ־און יאָדוואַנעס, און דאָס אָפּגיסן זיך, און די טערמאָמעטערס!

הײַנט די וואַרשטאַטן, וואו מע מאַכט פֿון זעלאַטין און פֿון גיפּס שטעליאַזשן פֿאַר אויסגעקרימטע רוקנביינער און פֿאַר צעקאַ־ ליעטשעטע פֿיס?!

הײַנט וויפֿל זוגן, וויפֿל בלאָטערס, מאַקעס און געשווירן דאַרפֿן עס די איבערטרידלעכע שוועסטער אויסוואַשן, אויסרייניקן און איבערבינדן טאָג און נאַכט!

הײַנט די לערערס! און די אינסטרוקטערס! די סאַנאַטאָריע פֿאַרמאָגט 12! פֿלעצער אויפֿלכע, ווי די זוניקע, און אַלע ווערן זיי באַדינט פֿון וואַסערע פּעדאַגאָגן, וואָס לערנען מיט די קינדער אי פּאָליט־אייזע, אי זאָאָלאָגיע, אי מוזיק, אי אײַנבינדערײַ, אי סטאָליערײַ.

און כּדי די קינדער זאָלן זיך באַם ליגן ניט לאַנגווײַליקן, קומען פֿאַרשיידענע פֿאַרווײַלערס, וואָס לייענען זיי ביכער.

יאָס שפּילנ פאַר זיי אַפ גיטאַרעס, מאַנדאָלינעס, פידלענ, וואָס זינגענ די רוסישע, גרוזינישע, קאַכעטישע, ארמענישע לידער.

— און איצט איז עס אינ אויסגעטייטענ, אויסער דעמ רופנ אינ די ציגײַנער, — האָט סאָלאָמאָנ זיכ געקערט און האָט ניט אויפגעהערט צו פרעגנ.—מע קאָכט זיכ, מע איסעקט זיכ מיט אינדו, און מיר ביליגנאַנטייענ, פראַייקע טיילע שטיק און פליאַס־קענ נאָכ די בערדאַגאָנג איבער די צײַטנ.

— אָט דאָס איז ריכטיק!—האָט מירישקינא פאַניא זיכ אָנ־גערופנ.—איכ ליב פאַר, אז פנ מאַיעדיקנ טאָג..

און זי האָט פאַרבעטנ אינ לאַנגזאַמ געצויגענע ארויסזאָגנ פאַר אימ אירע געדאַנקענ וועגנ די לעצטע געשעענישנ אינ דער זוני־קער.

זייער שמיעס איז פאָרגעקומענ אינעמ איבערבינד־קאַבינעט, וו זיי זײַנענ געזעסנ באַנאַנד אפנ „טראַמוויי" און זיי האָבנ גע־ריאַט אַפ זייער ריי צומ דאָקטער דעמיאַנ יעמעליאַנאָוויטשנ. וואָס דער דאָקטער וועט מיט זיי איצטער טאָנ, דאָס האָט זיי אינטע־רעסירט אַמווייניקסטנ. וועגנ זייער קרענק האָבנ זיי ניט גע־קלערט אפילע, אויב זײַנענ זיי געווענ פאַרטאָג אינעמ באַהאַנדלענ דעמ גערעכטיקנ סקאַנדאַל. אפילע בייס דער דאָקטער האָט ארויס־גענומענ פאַניעס פוס פונ דער שינקע, אינ א באַקאַנטער שאַר־פער ווייטעק האָט דעמ פיס פונינעווייניק דורכגעשטאָכנ, האָט זיכ פאַניא נאָר א קרים געטאָנ, ווי זי וואָלט זיכ געמיעסט מיט עמעצ, און האָט אפ קיינ האָר ניט איבערגעריסנ איר וואָגיקע רעדע. ניט ווײַט פונ פאַניענ איז אפנ אָפּעראַציע־טיש געלעגנ ענ־ווער מיט די צעוויקלטע בינטנ, ער האָט אויכ געיואָרט אפ זײַנ ריי און האָט זיכ בייסמײַסע, אנ אָנגעכמורעטער, צוגעהערט צו יעדער וואָרט.

— אַבעראַבאָל בובא, און ווידעראַמאָל בובא. אַבעראַבאָל איל־קאָ, און ווידעראַמאָל אילקאָ...—האָט זי געטײַנעט.—און מיר זײַ־נענ עס אויכ סונ די גוטינקע. מע דאַרפ זאָגנ אָטנ..

אָט אזוי האָט זיך אָנגעהויבנ די היסטאָרישע באראטונג פונ נעם רינגלער־אקטיוו. זי האָט זיך פאָרגעזעצט אינ װאנע־צימער אונ זיך פארענדיקט לעבנ דעם געשלײערטנ בוים, שוינ הארט פאר דער שווײַג־שאָ.

צום געשלייערטנ בוים האָט מענ צונויפגערוקט די בעטנ פונ אלע צענ רינגלער, אונ אינ מעשעכ פונ צוויי מיט א האלבער שאָ האָבנ זיך צו די איבעריקע קינדער דערטראָגנ ווערטער, ווי: „אונטערציִענ", „אָפּהאקנ די פליגל", „מאכנ א סאָפ".

אונ באלד נאָכ דער שווײַג־שאָ האָבנ די רינגלער פארעפנט־לעכט דעם פראָטאָקאָל פונ דער באראטונג:

דעם פראָטאָקאָל האָט אָנגעשריבנ סאָלאָמאָנ אליינ, ווי ס׳פירט זיך בא דערוואַקסענע:

געהערט:

1. וועגנ ליקווידירנ אינ דער װיניקער דעם דורכרײַס.

2. וועגנ בובעס אונ איל־קאָס כוליגאנערײַ.

באשטימט:

1. פארווערנ צו ווארפנ די כאפּעלקעס, אונ הײַנט נאָכ ביזנ אָוונטסברויט זאָלנ אלע כאפּעלקעס איבערגעגעבנ ווערנ די רינגלער.

2. די שולדיקע אינ ווארפנ אָדער אינ באהאלטנ בא זיך די כאפּעלקעס וועלנ ארויסגעשטעלט ווערנ אפנ שווארצנ טאָוול.

3. ארויסרופנ אפ א סאָצ־פארמעסטונג די כעווראַ פונ דעם בײַ־יאמישנ פלאצ אפ בעסער ליגנ אינ די בעטלעכ, אפ בעסער עסנ אונ א בעסערער שווײַג־שאָ.

4. זיך דערקלערנ פאר שלאָג־לער אפנ עסנ אונ אנ דער שווײַג־

שאָ. בייסנ עסנ ניט קאָמאַנדע־
חענ און ניט באַלעגירענ; אפ
דער שוטיבֿרשאָ זיך ניט שושקענ
און ניט רדיגענ מיט די פיס.

5. מעלדת אילקאָענ א צוזי־
חאָכיקנ בריקאָס פאר זײַנ כולי־
גאנישנ אופסר.

6. בובענ איבערלאָזנ אינ אי־
זאָליאטער ביזנ ערשטנ מײַ.

צים פראָסאָקאָל איז נאָכ צוגעגעבנ געוואָרנ אזא מינ אופרופ:

„כעוורע! אינ אנדערע קאָרפוסנ זײַנעג די יאסנ קלענערע און די דיסציפלינ איז בא זיי א בעסערע, חי בא אונדז. מיר דארפנ זיך אונטערציענ, כעוורע, דערפאר וואָס מיר זײַנעג אסאכ אָפגע־שטאנענ. איצט גייט בא אונדז די בויונג איבערנ גאנצנ לאנד. וואָס לאנד אונדזערס פאָדערט דיסציפלינירטע און קוואַליפיצירטע מענטשנ — און אזעלכע בוזאָסיאָרנ, חי מיר זײַנענ, דארפ עס ניט האָבנ".

אָט . . . האָט זיך ערשט אָנגעהויבנ א האלעבורדע! דעם פאָר־זיצערס גלעקל האָט שוינ דאפקע געהאט צו דינגענ און צו זאָגנ. מער פונ אלצ זײַנענ די כעוורע אופגערודערט געוואָרנ פונעם הארבנ דעקרעט חעגנ די כאפעלקעס.

— די כאפעלקע דינט דאָכ מיר אנשטאָט פיס! — האָט זיוקא א צעבייזערטער געטײַנעט. — גוט איז דעם גייענדיקנ. ס'איז ער דאָ, ס'איז ער דאָרט... א לופ געטאָנ את נעגומענ; און דו ליג דאָ, חי מיט צוועקעס צוגעשלאָגנ. און חעמענ שאט עס, טאָמער פארטשעפעט מענ עפעס א בליטל פונ א קלומבע, צי א שטאט־קעלע, צי א פּודעלע...

סאָלאָמאָנ איז אויש אונטערגעשפרונגענ:

— אַך, אַ בלימעלע! אַך, אַ פֿיגעלע! ביסט כאָטש אַ מיזוג. סאַראַ מין אומשולדיקייט! וואָגט־זשע מיר נאָר פֿאַקאַרשט, ווי איז אַהינגעקומען דער דראָט, וואָס די אַרבעטער האָבן צונויפֿגעלייגט לעם דעם געשלייערטן בוים? ווי האָבן געייען פֿאַריכט דעם טענט און האָבן אַנידערגעלייגט דעם דראָט אָט דאָ לעם בוים. זיי קלערן זיך: דאָ איז אַ זיכער אָרט, די כעוורע זײַנען אַלע ליגנדיקע, ווי אַזוי קענען זיי דערלאַנגען געקימטע אינדערפֿרי, אַ גוט מאָרגן אײַך, ווו איז אײַער דראָט? און פֿונעם דראָט איז אַפֿילע קיין סימען ניט געבליבן, די כאַפּעלניקעס האָבן עס צעשלעפּט. אי דעם דראָט, אי די מוטערקעס, אי די רינגען.

באַזוקען זײַנען אויף דער האַלדז מיט דער פּלייצע רויט געוואָרן.

וואָס הייסט עס! האָט אויסגעשריגן עפּעס אַ נײַנקע פֿון דער קאָלאָניע ווילדע. אָט נעכטן האָט מיך די ניאַניע קלאַווא געטראָגן אין וואַנע אַרײַן, פּלוצים טוט זי עפּעס אַ שינד איבער די פֿיס. אַז זי טוט דיר ניט אַ טאַנץ מיט אַ געשריי: „אײַ, אײַ, אײַ!“ — און גלײַך מיטן קאָפּ אין אַ סטויס. נאָך אַ האָרעלע וואַרפֿט זי מיך אַראָפּ אַף דער ערד, אַף די שטיינער. מיר טוען אַ קוק: ערשט — ס'איז אַ כאַפּעלקע, און צום שפּיץ איז צוגעבונדן אַ געפֿיגערטע יאַשטשערקע.

— אויך! אויס! מיר דאַרפֿן ניט קיין כאַפּעלקעס! — האָבן די רינגלער האַסטיק אויסגעשריגן און יעדערער האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון אונטערן מאַטראַץ זײַן כאַפּעלקע און ער האָט זי ביז אַן עק אָפּגעשיידערט פֿון זיך. אינגיכן איז דאָס גאַנצע פּלאַץ געוואָרן ראַב פֿון די פֿאַרשיידנפֿאַרביקע פּעדעמער. נינאַ און די איבעריקע גייענדיקע האָבן קאַם באַוויזן זיי אויפֿקלײַבן פֿון דער ערד. אייניקע האָבן, געווייניטלעך, געפּרוווט פֿאַרשטעקן זייערע כאַפּעלקעס וואָס ווײַטער, אָבער אַזעלכע איז געווען אַ מינים, זעקס, — און מע האָט זיי גלײַך אַרויסגעפֿירט אַף דער ליכטיקער שײַן. מע האָט אָנגעשטאָפּט דרײַ פּעדעמער אַ גרויס שאַכטל. וואָס אַ מויל קען נאָר אויס־

ריידן, האָט זיך דאָ אָפּ די פֿעדעם־שפּיצן געטאָן: מיסטערקעס, שנעקן, שטיינדלעך, קאַראַמעלקעס, בלײַענע סאָלדאַטיקלעך.

די פֿעדעמער זײַנען מערסטנטייל געווען שטאַרקע. די כעברע האָבן זיי אַרויסבאַקומען פֿון די ענגלישע שטרן, וואָס מיט זיי איז ציגעפֿעסטיקט דער פֿאַרויסיגער טענט.

פּלוצים האָט זיך דערהערט איליקאָס אָדעסאַני׳ש קעלעכל:

— גאָלדעלעך מײַנע! וואָס טוט זיך עס דאָ מיט אײַך? ווי אַזוי וועל איך גאָר קענען לעבן אָן אַ כאַפּעלקע?

אונטערן מאַטראַץ האָט מען בײַ אים קאָנפֿיסקירט אַ גאַנצן הויפֿן מיט כאַפּעלקעס. אָט איינער איז אַפֿילע געווען אַ קליינינק געוויכטל, וואָס לויט ווי די כעברע באַשטעטיקן, האָט ער עס צור געשלעפּט פֿון דער שפּיטאָל־אַפּטייק.

— אָבער ווער איז עס? טוט נאָר אַ קוק? טוט אַ קוק?

לעם סאַמע עק פּלאַץ איז צעקראָכן שוועריגוויק געלאָזן אַ דיקע פּרוי — ניט אין קיין ווײַסער קאָסינקע, נאָר אין אַ הויט מיט אַ פֿעו׳ער.

אין האַנט איז בײַ איר געווען אַ מעשן שטײַגל, וווּ ס׳איז געזעסן אַ פּאָפּוגײַ.

דער פּאָפּוג... האָט אויך עפּעס אויסגעשריגן איינס און דאָס־זעלבע אָפּ דײַטש. זי האָט צו אים געשאַקעט, ער זאָל אָנשטיינן ווערן, אָבער ער האָט ניט געפֿאָלגט, און פּונקט אין דער רגע, ווען זי איז שוין געווען לעם געשלייערטן בוים, האָט ער איר פֿריילעך און הילכיק געזאָגט אָפּ רוסיש: „בּאַלדאַ“.

— ס׳דאָך אונדזער פֿראַנצעזנאַ! — האָבן די כעברע אויסגעשריגן.

און ווירקלעך, דאָס איז טאַקע געווען מאַדאַם פֿראַנצעזנאַ, וואָס האָט אָפּ שטענדיק פֿאַרלאָזט די זוניקע. לויט דער פֿאָדערונג פֿונעם ריינגלער־אַקטיוו, האָט מען זי דורכגעטריבן פֿון דער סאַנאַטאָריע פֿאַר איר פֿאַרשלאָפֿנקײַט און פֿולער ניט־ציגעפּאַסטקײַט צו דער אַרבעט.

3—1036

— אינ דער פאָפוגײַ אירער איז דאָכ טאַקע אפדערעמעסנ זו פּראָפעסער! — האָט זייקא א ווונק געגעבנ צו ציבעלענ. — ער דעקט זי אפ אלע שפראכנ.

ציבעלע האָט זיכ צעלאכט. דאָס האָט באטײַט, אז זיי האָבנ זיכ צוריק איבערגעבעטנ.

5. שלאָגלער

אָבער וואָס איז עס? א פאבריק? א ווארשטאט? א זאוואָד?

מע זעגט, מע קלעפט, מע שנײַדט, מע הובלעוועט, מע מאָלט, מע עקבערט, מע נייט.

מע האָט אָנגעקליבנ צײַטונג־פאפירנ, מע מאכט פונ זיי דרײַ־עקיקע שליאפעס, מע פּוצט זיי ארומ מיט סטענגעס, מיט פעדערנ, מיט שטערנס מיט גאָלדענע, מיט זילבערנע, אונ אז מע ציט זיי אָנ צו זיכ אפ די קײַלעכדיקע קעפּ, דערפילט מענ זיכ אויסגעפוצט, אייסערגעוויינלעכ, נײַ.

דאָס זײַנענ די קליינע אזוי. סאכאקל זיבנ אינ צוואנציק מאנ. אָטאָ געבענ זיי זיכ פאר די שערלעכ, אונ פונ אונטער זייערע הענט שיטנ זיכ, ווי פארשיידנפארביקע לאָקשנ, שמאָלע פאסיקלעכ פאפיר.

אָט די־אָ לאָקשנ גיט מענ איבער צו די איבעריקע בעטנ. דאָרטנ ווערנ זיי מיט דער הילפ פונ פאפ פארוואנדלט אינ רינגענ — רויטע, גרינע, גאָלדענע אונ בלויע.

די רינגענ פליענ ווײַטער, ווי אפ א קאָנווייער, צו דער לעצטער שורע בעטלעכ, אונ דאָרטנ ווערנ זיי פארוואנדלט אינ א לאנגער קייט.

— דאָס איז צומ ערשטנ מײַ! — זאָגנ די קליינע.

צווישנ די בעטנ גייט ארומ מיט זײַנ שטענדיקנ סטעמאָדאנדל אדאכ אדאמיטש, א שווײַגנדיקער לעט, דער אינסטרוקטער אפ האנט־ארבעט.

אַבער פּאָנעם איז בײַ אים אויסגעגאָסן באַווונדערונג. אָן קאַטאָוועס: טאַקע, וואָס טוט זיך עס הײַנט מיט די כעחרע? פֿאַרוואָס זײַנען זיי אַלע אַזעלכע טרויעריקע? מע מיסטיקט ניט מיט קיין פֿוטבאַל, מע שפּרינגט ניט קיין פּאַס. גלײַך ווי דער ערשטער קאָמאַנדע טאַפּ: זיי אַראָפּ פֿון זיך די פֿרעכטיקע שליאַפּעס און גיבן זיי איבער צו די ייִנגלעך. די ייִנגלעך גיבן זיי איבער צו די גייענ־דיקע, און די גייענדיקע טראָגן זיי פֿאָרזיכטיק און אײַלן פֿײַער־לעך צו דער גלעזערנער שאַפֿע.

בײַ אַדאַם אַדאַמיטשן אין פּאַלאַטע־שטיים אַ ספּעציעלע שאַפֿע אַזאַ אַ גלעזערנע, און אַהין לייגט מען צונויף אַלץ, וואָס צום ערשטן מײַ.

טאָמער פֿאַרגעסט עמעצער פֿון די קליינע און טוט אַ קריטשע פֿאַר פֿרייד, אָדער ער לאָזט אײַן דאָס שערל, אָדער ער טוט אַ קנאַק מיטן פֿוסקעלע פּאַפּ, טוען אַלע צו אים אַ קוק מיט אַ פֿאָר־וווּרף און מיט שרעק און מע מאַכט צו אים מיט די הענט, אַ־טע שאַקעס, — און ער ווערט רויט, און ווי זײַן פּאָנעם איז קענ־טיק, אַז ער פֿילט זיך ווי אַ גרויסער פֿאַרברעכער.

און די עלטערע? וואָס טוט זיך עס הײַנט מיט זיי? אַדאַם אַדאַמיטש קוקט און גלייבט ניט זײַנע אייגענע אויגן. זיי האָבן אַליין אַז זיך אַרויסגעוואָרפן אַזאַ גרויסע אַרבעט און האָבן די קאָלעק־טיוו אויסגעפֿילט פֿאַר געצײַלטע עטלעכע טעג.

אַדאַם אַדאַמיטשעס שאַפֿע איז שוין אָנגעפּאַקטע ביז אַרויף מיט דאַמפּפֿערס, מיט אויפֿעלעך, מיט מײַוועלעך, מיט טראַקטערן, מיט פֿראַכט־אויטאָמאָבילן, מיט העלפֿאַנטן, זשיראַפֿעס, געמאַכטע פֿון באַבעלע און פֿון פּאַפּיר פֿאַר די כעחרע פֿון פּענסאַפּײַנר יאַסליעס.

אויסערדעם ליגן שוין דאָרט די פּלאַקאַטן, וואָס וועלן דעם ערשטן מײַ הענגען אַף ספּעציעלע טאָוולען איבער די בעטלעך. סעריאָזשען איז באַזונדערס טײַער יענער, אַז וועלכן ס׳איז אָנגעשריבן:

מיט מוט פּאָרויס,
אין קאַמף, אין שטרײַבן,
עס גייט איליטשן
אַ פאַרבײַט!

דערפאַר, וואָס די אויסיעס פאַר דעם־אָ פּלאַקאַט האָט ער אויסגעשניטן, און אָנגעקלעפּט האָט ער זיי צוזאַמען מיט ריקען.

ווײַטער ליגט אין שאַפע וויקעס שלאַנגען אין דער בליטינג, וואָס ציבעלע האָט אָנגעמאָלט.

די כעווּרע פילן זיך ווי פאַרשווערער, און יעדער רעגע קוקן זיי זיך ווידער איבער צווישן זיך.

זיי זײַנען שטאַרק פאַרכאַפּט מיט דער שלאַכט — מיטן טאָנצ־ געווען מיט די בײַיאַמיקע.

אַז מע האָט טישע דאַנצאָהג צוגעשריבן ריצנייל, און ער האָט, ווי ס׳פירט זיך בײַ די אָנפאַנגער, זיך גענומען קרימען, האָבן זײַנע שכיינים צו אים גענומען צישען:

— דאָס געדענקסטו אַזוי, אַז דו ביסט אַ שלאָגלער?

און ער האָט גלײַך די רעגע אַראָפּגעשלונגען זײַן לעפּל ריצ־ נייל מיט אַזאַ גרימאַסע, ווי דאָס וואָלט געווען דער געשמאַק־ סטער געטראַנק.

און אַז איינמאָל איז סעריאָזשען אין דער צײַט פון שווימען פאַ באַפאַלן אַ שליקערץ, האָבן אַלע געקוקט אַף אים מיט האַס, ווי אַף אַ שעדיקער.

אומזיסט איז געווען זײַן פאַרענטפערן זיך:

— כאַווערים — איך! — ס׳איז אומגערן...

אָבער מע האָט אים האַרב אָפּגעענטפערט:

— אָבער אַז דער בײַ־יאַמיקער שלוקערצט מעג ניט...

אײַנגעלעבט, זײַנען די בײַ־יאַמיקע באַשטימפּערלעכ אָפּגעשטאַנענ פונ די זוניקע.

צװישנ די בײַ־יאַמיקע זײַנען נאָכ געװען. מוירעדיקע מאַלע־גײַרעניקעס, דאָס הײסט אַזעלכע צעקראָכענע און חילגלאָזע מיאַט־ליעס, װאָס קענענ זיכ ניט באַפּאָרענ, װי עס דאַרפ צו זײַנ, מיט זײער עסנ. ביז סע װערט בא זײ לײדיק דער טעלער, קענ מענ לעם זײ צענ מאָל אָנשלאָפנ װערנ. ניט געקוקט אַז די דערמאָנונגענ פונ די מאַיירים, פלעגנ די בײַ־יאַמיקע מאַלע־גײַרעניקעס פאַרציענ דעם װאָרמעס אַמ איבעריקע 10—12 מינוט.

אַז דאָס האָט צוגעגעבנ די זוניקע א געפיל פונ זעלבסטצו־פרידנקײט און שטאָלצ. די בײַ־יאַמיקע, װידער, װענדיק, אַז זײ װעלנ בעסײרעש פאַרשפּילנ, פלעגנ שטאַרק אַרײַנטײַנען מיט די מאַלע־גײַרעניקעס, זײ זאָלנ זיכ אומבאַדינגט אונטערציִענ.

די ראָצכים די מאַלע־גײַרעניקעס האָבנ זיכ ניט אונטערגעגעבנ.

דאַנ האָט מענ בא די בײַ־יאַמיקע אויסגעהאַנגענ אַן אַניטאַצ־אָנס־פּלאַקאַט, װאָס זײער א צעניאָריקער דיכטער האָט פאַרפאַסט:

באַלע־גײַרע, כליעפּטשע שנעלער,
נעמ שױנ לײדיק אױס דעם טעלער,
גיכער, קריכער, קײַ דעם ביסנ —
א בורזשויניק לאָזט דיר גריסנ!

דאָס האָט, פאַרשטײט זיכ, געװירקט, און דאָס מאַלע־גײַרעניש איז געפאַלנ אַז 48 פּראָצענט.

אָבער ס'שױנ סײַחי שפּעט, װאָרעמ אינ דער זוניקער האָט מענ עס ליקװידירט מיט א גאַנצער דעקאַדע פריִער.

די זוניקע זײַנען געגאַנגענ פאָרױס אױכ אינעמ ליגנ אַז די געלעגערס. אַז דער בײַ־יאַמיקער האָבנ די דאָקטױרים ניט אױפ־געהערט צו מײַנען:

— נײַן, איר האַלט נאָך ווײַט
פֿון די זיניקע!

אָבער דאָך זײַנען די זינגער געזעסן אויפֿגעהאַלטן אין זייער פֿרייד. ווײַל זיי האָבן געוווּסט, אַז זאָל זיך נאָר פֿאַרווײַלן ביבען אָדער אילקען אַרויסוואַרפֿן עפּעס אַ שפּיצל, וועט זייער גאַנצער זיג אויסקרײַן מיטן ווינט.

אָבער אילקאָ, אַז ער איז געבליבן אין דער כאַפּעלקע, איז ער אינגאַנצן צינגעשטילט געוואָרן.

ס'האָט זיך אים פֿאַרוואָלט מאַכן זיך שלאָס, כאָטש וועט מען אים אָפּשיקן אין איזאָליאַטאָר צו זײַן סטיערן בובען, און צוליב דעם האָט ער זיך געלאָזט אַז אַ שווינדל: ער האָט שטילינקער־הייט געגעבן אַ שטופּ דעם טערמאָמעטער אין אַ זודיקער טשאַשקע טיי. דער קוועקזילבער איז אין טערמאָמעטער אונטערגעשפּרונגען ביזקעלע דעם העכסטן גראַדוס, און די ניאַניע האָט פֿאַר דער־שרעק באַשטימט, אַז די מינוט שטאַרבט ער, וואָרעם מיט אַזעלכע גרויסע גראַדוסן קען קיין מענטש ניט לעבן בלײַבן.

אָבער ווי דער דאָקטער האָט אים נאָר אַ כאַפּ געטאָן דעם דויפּעק, האָט ער שוין אַפֿן אָרט אים געכאַפּט בײַ זײַן שווינדל:

— אַך, דו, צימערינג טערקישער...

נאָך דעם טייטע איז שוין אילקאָ גאָר געוואָרן כאָטש לייג אים צו צו אַ מאַקע.

איינמאָל אינאָוונט, אין אַ טאָג צוויי אַרום, האָט ער געפּרוּווט איבערזינגען זײַן „פּאָטפּאָרורע“, האָבן אַלע אויסגעדריקט אַזאַ הייסן פּראָטעסט, אַז ער איז טאָמערנטאַל געוואָרן ניט קיין הינגער און האָט זיך אַ גליטש געטאָן אונטער דער קאָלדרע, ווי אין אַ נאָרע אַרײַן.

6. עמערס

און בובא?

די גאַנצע צײַט, װאָס די יאַטן האָבן געניט, געדרײט, געװיגן, געהובלעװעט, געקלעפּט, געשטריקט און געקנבערט, פֿלעגט בובא קוקן אַהער מיט שלעפעריקע אויגן דורך דער אָפענער טיר פונעם איזאָליאַטער און לאַנגװײַליק געגעצט אַזן פולן מויל.

קיין זאַך איז צו אים ניט צוגעשטאַנען. ער פלעגט נאָר אויסלעבן געשמאַק עסן. אַלץ, װאָס מע האָט אים געבראַכט, פלעגט ער די ריינע אַראָפּשלינגען ניט צעקײַטערהייט — און טייקעף פאָדערן: נאָך!

מע דערלאַנגט אים אַ פרישע פּאָרציע און ער רײַבט זי אויף נאָך פלינקער, װי די ערשטע.

צו אַלדעם איבעריקן איז ער געװען גלײַכגילטיק. אַפילו דאַן, ווען ציבעלע האָט אויסגעקלעפּט פון ליים אַ בירושי אינעם אויסזען פון אַ פעטער כאַזערינע, װאָס זיצט רײַטנדיק אַף אַ האַרבאַט. און די גאַנצע זוניקע האָט זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן פאַר געלעכטער, װײַל דער בירושי איז בײַ אים אַרויס ווי ער ענלעך אַף אים, אַף ציבעלען אַליין, אַפילו דאַן האָט בובא גאָרניט אַ קוק געטאָן אַפילו אין דער־אָ זײַט.

אײגנטלעך, האָבן די כעװרע ניט שטאַרק געקוקט אין בובעס זײַט אויך.

זיי זײַנען געװען שטאַרק אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט. אַדאַם אַדאַמיטש האָט געבראַכט אַהער פונעם װאַרשטאַט קליינע עמער, װאָס מע האָט דאָ געמאַכט ספּעציעל פאַרן קאָלווירדס וועגן. און געזאָגט האָט ער, אַדאַם אַדאַמיטש, אַז מע דאַרף זיי אויספאַרבן אין גרינער פאַרב.

עמער זײַנענ געשטאַנענ בא א זײַט, אונ די פארב איז געווענ ניט קײנ פאַשטעטע, נאָר שמאַלינע.

פארבנ עמערס איז א גרויס פארגעניגנ. איר נעמט אינ האַנט א פארזשאַווערטנ עמער, א מיעסנ, א צעדראַפּעטנ, מיט פלעקנ. איר גיט אים דורכ מיט א גרינער באַרשט, אונ ס'ווערט אַז איכ א מעכײַע צו קוקנ. דער עמער ווערט יונג, שײַנ אינ אויסגעפוצט. די גליִענדיקע נעמענ איכ דאַנ בא דיר צו אונ מע הענגט איכ אים אַז א לאַנגנ שטעקנ באַנאַנד מיט נאָכ אַזעלכע עמער, אינ זיי גלאַנצנ אַלע אנקעגנ דער זונ אונ הײַנג זיכ אונטערנ ווינט, אַזויווי לעבעדיקע, אינ א רײַענ גײט פונ זיי א כּלעסדיקער.

ווענ דו שטעלסט מיר דאָ אַנידער אַפילע דרײַ מיליונ עמער, וואָלט איכ זיי געפארבט אונ געפארבט נאָר אָנ אויפהער — האָט סעריאָזשא געקלערט אינ בײַסמײַטע מיט גרויס כיישעק געטונקענ די ברייטע באַרשט אינ דער גרינער געדיכטער געשמאַק שמעקנדיקער פארב.

אָבער וואָס טוט זיכ עפּ מיט פיליפּנ? אַזויווי ער וואָלט זיכ פּלוצים אויפגעוואַכט. ער קוקט אויפ ז'ווערנדע צו די גרינע עמער, דעם האַלדז דעם געווונטנ אויסגעצויגנ, אינ ער שמעקט זיכ אײַנ, ווי א שפּיר־הינט, אינעמ זיסלעכ־צערײַצנדיקנ ריח פונ דער שמאַלענער פארב.

די ליפּנ שאָקלענ זיכ בא אים אינ שעפּטשענ ארויס עפּעס א וואָרט, ביז ער האָט ענדלעכ הויכ אינ צעציטערט אויסגעשריגנ אַפ אוקראַיִניש:

— צי־באַ־אַ־רקא!

— וואָס ווילסטו? — האָט זיכ די ניאַנקע אַגלאַיאַ צו אים א וואָרט געטאָנ:

— ציבאַרקא! ציבאַרקא!

אַנגלאַיאַ האָט ניט פֿאַרשטאַנען, נאָר אַז יעדן פֿאַל איז זי אינקאַעס געוואָרן:

— ווי דערוועגסטו זיך ריידן אַזעלכע ווערטער? שטיל זאָל זײַן, אַגיט...

און זי איז אַנטלאָפֿן געוואָרן, ווײַל איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז „ציבאַרקאַ" איז אַ זידל־וואָרט.

בובאַ איז אַף אַ רעגע אַנשטויגן געוואָרן. אָבער דערנאָך האָט ער ווײַטער גענומען רופֿן:

— ציבאַרקאַ־אַ־אַ!

כעריאָושאַ האָט זיך אויש אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאָפּ. פֿאַרטאָלן די יינגעלע מיט די בייגער! אַ ביזע־ביזויעס! בובאַ וועט באַלד עפּעס אָפּטון אַ שרעקלעכע זאַך, און פּונקט גאַנצן פֿאַרוווּסט וועט בלײַבן אַש און פֿאָרעך.

זיוקאַ האָט אים שטיל אויפֿן אויער דערקלערט:

— בײַ אונדז אין אוקראַינע איז „ציבאַרקאַ" אַן עמער[1].

דערווײַל האָט עמעצער אויסגעשריגן:

— אַן עמער, אַן עמער... ער בעט, מע זאָל אים געבן אַן עמער.

איז געוואָרן אַ גערודער:

— גיט אים ניט... ער וועט צעברעכן... ער וועט צעטראַשטשען...

אָבער אַדאַם אַדאַמיטש האָט זיך אָנגערופֿן מיט זײַן פֿעסטער שטים:

— נינאַ, נעם אַן עמער און דערלאַנג אים.

נינאַ האָט זיך צעטאַכעט מיט איר הילצערנער קוליע:

— וואָס רעדט איר, וואָס? וואָס רעדט איר, וואָס? בעשומפּנים ניט! ער'ט אַ ביס טון!

אַדאַם אַדאַמיטש האָט לאַנגזאַם צעפּענט זײַן טשעמאָדאַנדל, האָט אַרויסגענומען פֿון דאָרט אַ פּושקעלע עמאַלענע פֿאַרב, דערנאָך האָט ער אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד אַ ניט קיין געפֿאַרבטן עמער און איז גלײַך אַוועק צום איזאָליאַטאָר. אַלע האָבן אים אָנגעקוקט,

1) [illegible]

ווי אַ דרייסטנ דרעסירער, וואָס גייט גלײַכ צומ טיגער אינ שטײַג אַרײַנ.

בובא האָט אַ כאַפ געטאָנ דעמ עמער, אינ דעמזעלבנ אויגנ־בליק, פונקט ווי ער וואָלט מוירע האָבנ פאַרשפעטיקנ, האָט ער אַ שטעק געטאָנ דאָס פענדזל אינ דער עמאַליענער פאַרב אונ ער האָט, שפריצנדיק, געגעבנ אַ שמיר דעמ עמער. אונ אַז ער האָט דערזעענ אַפנ עמער אַ פאַס, אַזאַ גרינעמ, אַזאַ שמעקנדיקנ—האָט ער זיכ צעלאַכט, אָדער ריכטיקער געזאָגט — זיכ צעהירזשעט... אונ זיכ די רענע אַרומגעקוקט מיט דערשרעק—טאָמער וועט מענ נאָכ בא אימ צונעמענ צוריק אָט דעמ־אָ פאַרגעניגנ. אָבער ווענ ער האָט דערזעענ, אַז קײנער נעמט עס בא אימ ניט אָפ, האָט ער מיט דערזעלבער גיכקײַט ווידער אַ טונק געטאָנ דאָס פענדזל, אונ ער האָט ווײַטער אַ שמיר געטאָנ מיטנ גרינעמ איבערנ פאַרזשאַווערטנ, אונ ער האָט זיכ ווײַטער צעהירזשעט פאַר פרײַדנ. אונ — שוינ ווידער אַרײַנגעטונקענ דאָס פענדזל.

— שפריצ ניט אַזוי! מע דאַרפ ניט שפריצנ! רויִקער! געלאַ־סענער!

נאָר בובא האָט גאָרניט געהערט, אונ די אויגנ זײַנענ בא אימ געווענ שיקערע.

אַלע האָבנ אימ אומרויִק נאָכגעקוקט: אָט באַלד כאַפט ער זײַנ פושקע גרינע פאַרב אינ טוט אַ ליאַפע אַדאַמ אַדאַמיטשנ אינ דער באָרד אַרײַנ. אָבער נײנ, בובא האָט נאָכ אַלצ פרײדיק גע־הירזשעט אונ געקליבנ נאַכעס פונ־דער אַרבעט. פאַמעלעכנ, פאַ־מעלעכנ, ווענ ער איז געוואָרנ זיכער, אַז קײנער וועט בא אימ גאָרניט צונעמענ, האָט ער זיכ גענומענ פאָרענ אַסאַכ רויִקער. ער האָט זיכ שוינ ניט געכאַפט אונ האָט ניט געשפריצט. ער האָט צוגעלייגט אַלע קויכעס, אַז דאָס פענדזל זאָל גײנ גלײַכ אונ זאָל ניט איבערלאָזנ קײנ פליכנ.

אַדאַמ אַדאַמיטשנ איז עס זײער געפעלנ געוואָרנ. ער האָט געשאָקלט מיטנ קאָפ אונ האָט איבערגעכאַזערט:

— טאַק־טאַק־טאַק־טאַק.
פאר דער־אָ טעטע צו טאַק־
טאַקן־האָבן אים די כעוורע
געריפן קוילנוואַרפער.
און בובא, ווי ער האָט נאָר
פארענדיקט דעם עמער, האָט ער
אויסגעשריגן:
— נאָך!

האָט מען אים געגעבן א
צווייטן עמער. און בובא האָט מיט
דערזעלבער אנטציקונג אים גע־
פארבט, און אדאם אדאמיטש האָט
ווידער געטאַקטאַקט איבער אים.
די כעוורע האָבן געקוקט אַז אים און זיך ניט געקענט אָפּ־
כידעשן: בובא ארבעט! בובא לאכט! אָבער אדאם אדאמיטש
האָט זיך גאָרניט געחידעשט, פונקט ווי בובא וואָלט פון אייביק
אָן געווען אזעלכער. און אַז מאָרגן, פונקט ווי ס׳וואָלט קיין זאַך
ניט געשען, האָט ער אים ווידער געגעבן א גרויסע ארבעט: איפּ־
קלעפּן א טראנספאראנט פאר די שעפירטע קאָליירטישע קינדער
פון באבולע את פון קאָלירס פאפיר.

7. בובעס יעסורים

אין דעם־אָ טאָג איז פאָרגעקומען א גרויסע געשעעניש. די
טומע וואריא איז געקומען פון שפיטאָל. א געלע און אויסגעדארטע,
נאָר א פריילעכע. די האנט איז בא איר געווען פארבאנדאזשע־
וועט און איז געהאנגען אין א ווייַסער פאטשיילע. די כעוורע
האָבן אלע אין איין קאָל צו איר אויסגעשריגן מיליטעריש:
— זדראַז! —
— סטווי! —

— טיע!

דער „טיע" האָט בײַ זיי אָפּגעקלונגען זייער הילכיק און קלאָר. אין סאַנאַטאָריע האָט מען עס געהאַלטן פֿאַר א באַזונדער קונץ — װאָס הילכיקער אױסצושרײַען דעם „טיע".

די מאַמע האָריאַ האָט זיך האַסטיק צו זיי א װאָרף געטאָן:

— ענדלעך, בין איך שױן מיט אײַך, מײַנע טײַערע נאַקעטע האָליצעס.

און אַז זיי האָבן זיך שױן אין א גענוגער מאָס אָנגעבאַרימט פֿאַר איר מיט זייערע פּראַכטפֿולע פּאַפּירענע היטלען (זי האָט זיי געהייסן אָנטאָן אָט די היטלען), און אַז זיי האָבן אױסגעלייגט פֿאַר איר אַלע אוצרעס, װאָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין דער גייענער שאַפֿע, און זיי האָבן איר באַװיזן ציבעלעס כאַזערינע, און האָבן איר דערציילט װעגן דעם פֿאָטיגײַ, װעגן די כאַפּעלקעס, װעגן דעם גהאָבים, האָט זי א פֿרעג געטאָן:

— אָבער װוּ איז ביבאַ?

האָבן אַלע אין איין קאָל גענומען דערציילן, װאָס פֿאַר א װוּנדער ס׳מיט ביבען געשען. איז זי שױן געװען נאָך מער צופֿרידן:

— זעט איר שױן! װאָס האָב איך אײַך געזאָגט?...

און זי איז אַװעקגעלאָפֿן צו אים אין איזאָליאַטאָר קלײַבן נאַכעס פֿון זײַן פּנים.

אָבער פֿריִער האָט זי א פּליעסקע געטאָן מיט די הענט און האָט א געשריי געטאָן, װײַל אָט דער־אָ מוסטער פֿון פּנים איז פֿאַרצאַרנט געלעגן בײַ זיך אין בעט מיט זײַן געװײנלעכער שלעכט־פֿרידיקער אין בייזער מינע. ער האָט געקנײטשט און געפּיצלט אַ שטיקעלע דאָס פּאַפּיר, װאָס מע האָט אים געגעבן צום קלעפּן, פּונקט װי דאָס פּאַפּיר װאָלט זיך אָנגעגאַנגען אים מיט קפּעס פֿאַר־שולדיקט, און ער האָט עס פֿאַר דער־אָ שולד באַשטראָפֿט. די פֿאַרביקע פּיצלעך פּאַפּיר האָבן זיך געדרייט אױפֿן צוג־װינט, פּונקט װי די באַבעלעך, און האָבן זיך װיכעריק געטראָגן צום פּלאַץ.

דאָס איז אַלצ, וואָס איז איבערגעבליבנ פונ זײַנ טראַנספּאַראַנט.

כאָטש אַלע האָבנ געזעגנ, מיט וואָס פאַר א פרייד ער האָט זיכ אײַנדערפרי צוגעכאַפּט צו דער אַרבעט.

ער האָט געהאָרזשעט פאַר נאַכעט ניט ערגער, ווי נעכטנ. ער האָט געאַרבעט מיט כיישעק, זיכ די גאַנצע צײַט אַפּילע ניט אויסגעגלײַכט — און פּלוצים זאָל ער אַזוי אָנ שום סיבעט נעמענ את אַזוי צעפּאַטערנ זײַנ האַנט־אַרבעט, אַזוי צעקנייטשנ, צעפּיצלענ אַפ שטיק־שטיקלעכ. אינ אייגנטלעכ, איז די אַרבעט אויכ ניט געווענ אַזאַ טייכלדיקע. מע האָט פּאַשעט געדאַרפט אָנ־קלעפּנ אַפ דער באַבולע גרויסע פּאַפּירענע אויטיעט, אַז ס'זאָלנ זיכ באַקומענ די ווערטער:

— זאָל לעבנ דער ערשטער מײַ!

די אויטיעט זײַנענ שוינ געווענ פאַרטיק, ווײַל אַנדערע כעווירע האָבנ זיי שוינ צוגעגרייט. ס'איז נאָר געבליבנ אָנשמירנ זיי מיט פּאַפּ אונ אויסלייגנ אַפ דער באַבולע. זאָל ער פּלוצים אינמיטנ דרינענ אינ דער העלער הויט זיכ צעקאַסנ אַפ זיי אונ כאַפּנ אינ שטעכערנ את רײַסנ מיט אַזאַ מינ ווילדער רעציכע.

— בובענקע! וואָס טוסטע עס? ביבא!

די מימע וואַריאַ איז צוגעלאָפנ צו אים:

— וואָס ניט איר מי יומערעס? — האָט ער זיכ פאַרצייפּלט צעשריגנ. — אָפּגעסמאַלעט דעם קאָפּ את מע גיט נומערעס.

— וואָס איז? וואָס זאָגסטע?

ער האָט איבערגעכאַזערט נאָכ בייזער.

— אָפּגעסמאַלעט. אונ דערנאָכ מיט די נומערעס

— אוועלעכע נומערעס?

— ווי קומ איכ וויסנ אוועלעכע? אַז בא מיר איז דער קאָפּ אַנ אָפּגעסמאַלעטער.

— אַנ אָפּגעסמאַלעטער?

— יאָ, — האָט ער צערייצט אויסגעשריגנ, — אָט דער קאָפּ! אָט דער נאַרישער... מײַנער...

די זוניקע דראָבנ זיך אין איין קאָפּ צעלאַכט אַלע.

— זיי זײַנען קלוגע. זיי קוואַליען, און איך...

את ער האָט מיט אַלע קריכעט זיך דערלאַנגט מיטן פּויסט אין קאָפּ אַרײַן, פּונקט ווי ער וואָלט אים געשטראָפֿט פֿאַר זײַן ניט טויגן צו באַנעמען די ראָזיקע טינע „ניטערקט".

די בובע מאַריא האָט לאַנגלאַנג מיט אים געהאַט צו טון, ביז ס'האָט זיך איר ע.דלעך אײַנגעגעבן כאַפּן די ליבע פֿון זײַן פֿאַרצווייפֿלטער צעטרייסקייט. זי האָט זיך דערמאַנט, אַז ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז דאָ עלטער פֿון אַלע זוניקע (אים גייט שוין דאָס זעכצנטע יאָר), איז ער נאָך אינגאַנצן אַן אַנאַלפֿאַבעט.

„ניטערקט" זאָגט ער אַף די אותיות. און דאָס, וואָס ער קען ניט קיין „ניטערקט", האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס'איז אַ כאַרפּע און אַן אומגליק.

ער האָט שטאַרק געקאָנט געווינען די, וואָס קענען די „ניטערקט".

אַף די אייערדיקע כמייע האָט ער קעסיידער געקוקט, ווי אַף אַ מין פֿײַנטלעכע שווערעט, מיט וועלכע מע מיז אומבאַראַבאָן געפֿינען קעמפֿן.

אַף זיך אַליין האָט ער געקוקט, ווי אַף אַ פֿאַרמאַלענעם מענטשן, וואָס וועט שוין קיינמאָל בעטיביישן ניט טויגן צום לערנען דערפֿאַר, וואָס נאָך אין די הונגעריאָרן בעשאַס ער איז געווען אין סיביר, אין אירקוטסק, האָבן אים די דאָרטיקע פֿאַרוואַלאַר מע אונטערגעצונדן, בעשאַס ער איז געשלאָפֿן. די האָר אַפֿן קאָפּ פֿון דאַנען איז בא אים דער קאָפּ געוואָרן פֿאַרנאַרישט. ער איז אין דעם אינגאַנצן זיכער. און דערפֿאַר האָט ער עס איצט גע־שריגן מיט אַזאַ באַווײַדיקטער שטים:

— אָפּגעסמאַלעט דעם קאָפּ, און מע שטיפֿט ניטערקט!

די בובע מאַריא האָט אים גענומען אײַנרעדן, אַז אויס־לערנען זיך שרײַבן און לייענען איז אַ שפּיל, אַז הײַנטיקע יאָרן קען זיך שוין אַפֿילו אַ בלינדער אויסלערנען לייענען און שרײַבן,

אז זי נעמט זיך אונטער אים אלץ אײסלערנען פאר צװײ־דרײ װאָכן צײַט.

ער האָט זי אױסגעהערט מילד און צופרידנלעך. אָבער דער־נאָך האָט ער האָפענונגסלאָז א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— דער מאַרק איז בײ מיר ארומגעטזאלעט!

די מומע חאריא האָט אים שטיל אָן א שמײכל א גלעט גע־טאָן איבערן אָפגעטמאלעטן קאָפ. און אז אדאם אראמיטש איז געקומען, האָט זי אים געבעטן, אז ער זאָל פארגעבן בובען אזא ארבעט, װו ס'ניטאָ קײן שום „טמערעס".

— גוט! — האָט אדאם אראמיטש געזאָגט און האָט א שטים געטאָן די האַנט צו זיך אין טשעמאָדאנדל.

דריטער טייל

נײַע געװיטערס און נײַע פֿריידן

1. ערשטער מײַ

װײ, װאָס ס'האָט זיך געטאָן בײַ אַדאַם אַדאַמיטשן אין טשעמאָדאַנדל: די קאָלירטע טינט, די אַלערלײ גלעזערנע זאַכן, און אַ קלײן טראַקטאָרל געמאַכט פֿון שװעבל־קעסטעלעך מיט קלעצעלעך.

— אַדאַם אַדאַמיטש, עפּעס געפֿינט זיך בײַ אײַך אַ זילבערן פּאַפּיר?

— אַדאַם אַדאַמיטש, טאָמער איז בײַ אײַך דאָ אַ װענעלע?

— אַדאַם אַדאַמיטש, איך מוז נײטיק האָבן אַ פּאָסט־קאַרטל מיט אַ בילד!

אַלץ, אַלץ איז פֿאַראַן אין אַדאַם אַדאַמיטשעס װוּנדערבאַרן טשעמאָדאַנדל. קױם אָנומלטן קומט ער צו גײן אױפֿן פּלאַץ, לײגט זיך אױף אַװעק זײַן טשעמאָדאַנדל אױף דער ערד. אַז ס'האַלגערט זיך פֿון דאָרטן ניט אַרױס אַזאַ נעזוטסער קראַב און ער לאָזט זיך אַװעק װײַער באַקלערט און פֿאַרזיכטיק אומקריכן איבערן שטעגעלע, איז בײספּיטסע שנאָרט ער אום מיט זײַנע ציינערדיקע װעגעלעך. און אַדאַם אַדאַמיטש װאָלט עס כאָטש אַ קוק טאָן, פֿונקט װי ניט צו אים האָט עס גאָר.

און אײנעכטן האָט ער צעפּראַלט זײַן טשעמאָדאַנדל אין אַרױסגעשלעפּט פֿון דאָרטן ניט אַזאַ גרױסן קראָליק, אים אָנגענומען פֿאַר די אױערן און אַרױסגעשלעפּט. אַזאַ פּרײקן!

— אַדאַם אַדאַמיטש, װער האָט אַ גלעט געבן?

איך הײַנט, אַז ס'איז שױן ענדלעך אָנגעקומען דער ערשטער מײַ, האָט זיך אַדאַם אַדאַמיטש ניט צעשײדט מיט זײַן טשעמ־

באַראַנדל. ער האָט אים געבראַכט אין זייער פאָרזיכטיק אַוועקגע־
לייגט אַף דער עסטראַדע, פּונקט ווי דאָרט וואָלט געלעגן עפּעס א
א גלעזערנס.

שיין איז דער ערשטער מאַי אַף דאָרטן!

דער הימל איז אזוי ווי אויסגעמאָלט אין געדיכטע פארבליים, קעגן
די רויטע פאָנען און פלאַגן זאָלן העלישער גלאַנצן.

דאָס גאַנצע פלאַץ איז ווי פאַרשלונגען אין פלאַמען, אזויפיל
רינגלען עס אַרום פאָנען און פלאַקאַטן.

און ווי א פלאַם, ווי א קריינסטיק סיעבל, פלאַטערט לעם
יעדן בעטל א רויט פיערדיק פענדעלע.

דער ווינט בלאָזט פאַנאַנדער די פריילעכע טריטשע און קני־
טשט און ציפּט און רײַסט אַף פּיצלעך די בונטע פּאַפּירענע קייט
איבער די קינדערשע קעפּ.

טאַם — טאַרא — טאַם טאַם! טאַם — טאַרא — טאַם — טאַם
זעצט דאָ ערגעץ נאָענט א פּײַקל.

אָט דאָס זײַנען די גייענדיקע פונעם בײַיאַמישן קאָרפּוס גע־
קומען באַגריסן זייערע באַזינער — די זינגער. זיי זײַנען געקומען
אַף קליעס, הינקענדיקע, אָבער מונטער און פּאַרשיינט, און זיי
האָבן זיך מיליטעריש אײַנגעשטעלט לעם דער עסטראַדע.

אין אַף דער עסטראַדע זײַנען דאָ אי דעמיאַן יעמעליאַנאָוויטש,
אי זאָיא לוואָווינא, אי די מיטע וואַריאַ, אי אדאם אַראַמיטש מיט
זײַן שטענדיק טשעמאָדאַנדל (וואָס קער ער דאָרט האָבן אַזעלעכס?),
און אַלע זײַנען אויך עפּעס אַנדערע, ניט אַזוי ווי אַלע טאָמיד.

און סינעיאָרן שטיין, און ציבעלע, יאָ, יאָ, ציבעלע, א צו־
געבונדענער צום בעט, האָט געגעבן עטלעכע הויכע קלינגען מיטן
גלעקל און האָט דערקלערט די זיצונג פאַר אָפן.

— א וואָרט באַקומט סאָלאָמאָן.

און סאָלאָמאָן לויפט צו צו דער עסטראַדע. ער הייבט אָן
פּינק צו מאַכן מיט זײַן פּיצל הענטעלע. ער פאַרהיקעט זיך
אַפילע אַף קיין איינמאָל ניט און ער האַלט אַף א בליציקע רעדע

1
МАЯ



וועגן דעם, ווי גרויס ס'איז
דער יאָגעניש פֿון פּראָלע־
טאַרישער ברידערלעכקייט, און וואָס פֿאַר א גראַנ־
דיעזע ראָליע ער האָט אָפּגעשפּילט אין דער גע־
שיכטע פֿון די אַרבעטנדיקע, — און אַלע „אַפּלאָדירן סאָלאָמאָנען.
סע פּייפֿקעט אזוי שטאַרק, אז די הענט טוען אויש וויי, און סע
פּאַטשט אזוי ענערגיש מיט די פֿענדלעך, אז יעדער פֿענדל שווינדלט,
ווי פֿינף און צוואַנציק פֿענדלעך מיטאַמאָל.

דערנאָך דערלאַנגט ציבעלע ווײַטער פֿון אונטערן בעט דאָס גלעקל און נעמט קלינגען, ווי א פֿײַערלעשער, און ס'ווערט שטיל, אין די פֿיבע וואַרט זעצט זיך אוועק צום ראָיאַל, און אַלע זינ־ גען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". עפּעס ניט אזוי קונציק, אָבער ״ים פֿאַרגעניגן נאָר אָן א שיר.

— ״... א פּאַראַזיטני — קאָנ — דא!״ — זאָגט ארויס בובא איבערצײַגט.

און אין דער צײַט ווײַזן זיך אָם דער עסטראַדע עפּעס נײַע מענטשן, זעקס אָדער זיבן מאַן — מיט לאַנגע פֿענעמער, אָפּגעגאָלטע אַלע ביז איינעם.

דאָס זײַנען ענגלענדער פֿון קאַנאַדע, טוריסטן, זיי זײַנען גע־ קומען צו פֿאָרן צום דאָרעמדיקן יאַם און־ס'ווילט זיך זיי אָנקוקן טאַיעטישע קראַנקע.

בעשאַט זיי זײַנען אַהער געגאַנגען, האָבן זיי זיך, ווײַזט אויס, געריכט אָם ווײַטער א טרויעריקן בילד. דערפֿאַר, וואָס טריט האָבן זיי געשטעלט אזויווי אָם א לעווײַע. אין די פּענעמער זײַנען בא זיי געווען אײַנגעטונקען אין אָנשטענדיקן טרויער. אָבער נאָר אײַניגן טוען זיך בא זיי א הייב די ברעמען, און די אויגן קײַלעכיקן זיך אויס פֿון פֿאַרווּנדערונג.



— שוינ־ושע זײַנען אָט די קינדער — טאַלויט?
טובישטשען דאָך בא זיי אזוי לעבעדיק די צײַנ

אנטקעגן דער זון. מע זאָל
כאָטשבי אַם אײן פּאָנעם זען
חײסעק אָדער לאַנגחײַל. פֿון
איסלעכן שפּריצט מאַטעש מיט
יאָנכעת.

איבעריקנס, נײן, אָן דאַרטן
בא דער זײַט, לעם סאַמע עק
פּלאַץ שטײט אײנזאַם א בעטל.
און דאָרטן ליגט א מאָגער יאַטל, וואָס ניט נאָר ס׳זינגט ניט
און ס׳קווײַלט ניט, נאָר, פֿאַרקערט, ס׳הילט אונטער די גאַנצע
צײַט, ווי א דערשראָקן הינטל. און ס׳גיטאָ לעם אים קײן רײטע
פֿאָן אַם צו פֿאָכען מיט איר, און זײַן קאָפּ איז ניט אויסגעפּוצט
מיט קײן פֿאַפּירענער שליאַפּע.

— קראַנק? ע? — פֿרעגט אײנער פֿון די געסט בא זאַ׳יא
לחאָחנען אַם דײַטש. און ווײַזט אָן אַתּן אומעטיקן ייִנגל.

זאַ׳יא לחאָחנא האָט זיך פֿאַרשעמט. זי פֿאַרשטײט שלעכט
דײַטש. אָבער אַז זי האָט געכאַפּט, וואָס ער מײנט, האָט זי גענו־
מען האַסטיק דרײען מיטן קאָפּ:

— נײן! נײן! נײן! געזינטער פֿון אַנדערע.

— פֿאַרוואָס־זשע ווײנט ער?

— דערפֿאַר, וואָס ער איז געבליבן אָן ערשטן מײַ.

— אָן וואָס? אָן וואָס?

— אָן ערשטן מײַ.. — האָט זאַ׳יא לחאָחנא איבערגעזאָגט,
און דעמאָלט יעטעליאַניטש איז איר געקומען צו הילף, און ער
דערצײלט די געסט וועגן אילקאָען.

— איז דערפֿאַר ווײנט ער?

— יאָ, דערפֿאַר.

— אָ!

די געסט בײַדעשן זיך, טוען זיך עפּעס א שושקע און פֿאַר־
שרײַבן עפּעס אין אזעלכע ביכעלעך.

דערווײַל טוט דאָס גלעקל ווײַטער אַ קלונג, און ציבעלע רופט אויס הויך אַף אַ קול:

— אַ וואָרט בעקיצער איזראַיל מיסטייטש!

די יאַטן האָבן זיך אַפילע נישט באַמיט צו באַטראַכטן, ווי פון צווישן די קוסטן, וואָס אַרום געשלייערטן בוים, איז פלוצים אַרויס־געוואַקסן איזראַיל מיסטייטש מיט אַ געשוואָלענעם פאָרטפעל, פון־וואַנען ס׳שטעקט אַרויס אַ האַנטעך. אַ פאַרשוויצטער, אַ צעקאָ־שמעטער, אַן אײַנגעמאַטערטער, נאָר אַ פרײלעכער — מעלדעט ער מיט אַ שטילער, נאָר גאָר נישט קיין יאָמערדיקער שטים, אַז ער איז נאָר וואָס פון שיף, אַז זײַן פאָרן קיין מאָסקווע האָט זיך פאַר־ענדיקט מיטן גרעסטן דערפאָלג, אַז פון מאָרגנדיקן טאָג אָן וועט אָטאָ בישכײַנעס אין סאָד, נאָך דער לעווידאָוועער באַלקע, זיך אָנ־הייבן בויען — וואָס, מיינט איר, וועט זיך אָנהייבן בויען? — נישט עפעס אַ מין וואַרשאַאָס דאָרטן — נאָר אַן עמעסער אינסטיטוט... אַן אינסטיטוט פאַר פיזיש־דעפעקטיווע קינדער. און אין דעם־אָ אינסטיטוט...

— אור־ר־רא!

און ער דערציילט ווי אַרום אַלץ לויט אַ סיידער. און אַלע זײַנען אים גרייט צו הערן גאָר אָן אַ סאָף. אָבער ער הוסט, ער איז פאַרמאַטערט, — און דאָס גלעקל קלינגט שוין ווײַטער, און ציבעלע רופט אויס אינדערהויך אַף אַ קאָל:

— אַ וואָרט דאָס אַדאַם אַראַמיטש!

און אַדאַם אַראַמיטש שטייט אויף, ער נעמט זיך גלײַך צו זײַן כשעמאָנדאַנדל (וואָס קען ער עס דאָרטן האָבן אַזעלכס?) און ער באַגריסט די כעווערע מיט זייער גרויסן זיג.

— פאַרן פאַרסק... פון אונדזער סאַנאַטאָריע, — זאָגט ער מיט זײַן אויסלענדישן נישט באַגעוועדיקן קאָל, — איז געווען זייער דערפרייענדיק, יאָ, - דערפרייענדיק, דאָס, וואָס איר האָט מיט גע־מיינזאַמע אָנשטרענגונגען איבערגעריבן די דיסציפּלין פון אײַער קאָ־לעקטיוו... איבערגעריבן מיט דער הילף פון שלאָגלערײַ און סאָצגעוועט...

דערבײַ עפֿנט ער אויף זײַן טשעמאָדאַנדל און פֿאַרשטופּט אַהין די האַנט. וואָס קען ער דאָרט האָבן אַזעלכס?

— די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דעם זיג, — זאָגט ער ווײַטער, — האָבן דערוויזן זייער אײַנגעשפּאַרטקייט, איניציאַטיוו און אויסגע־האַלטנקייט. האָבן מיר באַשלאָסן... — דאָ נישטערט ער באַ זיך אין טשעמאָדאַנדל און קלײַבט דאָרט איבער עפּעס זאַכן, — האָבן מיר באַשלאָסן אויסצײַכענען זיי אין די פּיאָנערישע רייען, בפֿרט אַז זיי זײַנען נאָך אין אָנהייב ווינטער דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן פּיאָנערישן „אוסטאַוו".

און ער נעמט אַרויס פֿון זײַן טשעמאָדאַנדל אַ גאַנצן [illegible] שימערנדיקע האַלדזטיכלעך.

אָ, מיט וואָס פֿאַר שײַנענדיקע מינעס האָבן מורישקינאַ פֿאַ־ניאַ, ציבעלע, ענווער, סאָלאָמאָן און נאָך עטלעכע בעסערע אָנגע־טאָן אויף זיך אָט די ערן־טיכלעך! די גאַנצע [illegible] האָט היל־ליק און לאַנג געפֿלאַקערט.

און אײַלקאָ [illegible] נאָך אומעטיקער, ווי פֿריער. ער קאָרטשעט זיך, ער אָכצט און קרעכצט, פּונקט ווי דער בויך וואָלט זיך באַ אים פֿון עפּעס שטאַרק צעווייטיקט!

— ווער אָנשטימט, כאַווערע! — האָט ביבא צו איר אויס־געשריגן און אַ דרייע געטאָן מיט זײַן רויטן פֿענדל, ווי מיט אַ שווערד.

— ביבא, ביבא! — האָט די מומע מאַריאַ מיט [illegible] אויס־געשריגן.

ביבעס בעקל שטייט איצט [illegible] מיט [illegible], דערפֿאַר [illegible] האָט פֿון [illegible] אָנגעהויבן לערנען ביבען לייענען.

אַ מאָרגן נאָך — די לעצטע צײַט זינט ביבא האָט איבגעהערט [illegible] [illegible]. אין ער געמאַכט אַ פֿאַרביסענער מינע פֿון זײַן [illegible] פֿאַרבינדענע אילקאָ.

אַ [illegible], נאָך אַ [illegible] — פֿלעגט ער [illegible] זאָגן אַז אילקאָ. באַ אים באַלייבט זיך „[illegible]", „[illegible]".



די געסט קוקן אַף בובען און פֿרעגן אַף איִם, װער ער איז. זאָגט לחנוכּה: האָבן זײ אַן געבן צו פֿאַרשטײן, אַז נאָך גאָר ניט לאַנג, װען ער איז אָנגעקומען אין טאַטאַריע אַרײַן, איז עס געװען אַ געפֿערלעכער טיאַג אַף אַ װילדע זאַך.

— ער פֿלעגן עסן צײַנ־פּראָשעק... יאָ, יאָ. מע דערלאַנגט איִם אַ פּודעלע, כאַפּט ער און עסט איִם.

— אָ! — װערן די געסט אַרױסער זיך.

— ער פֿלעגן צעבריכן טערמאָמעטערס... ער פֿלעגן זיך בײַ־סן, װי אַ כײַע...

— אָ־אָ!

— און איצט...

אָבער דאָ דערהערט זיך אַזאַ „אוראַ", װאָס די זיניקע האָט נאָך קײנמאָל אַזאַ ניט געהערט. צום סאַמע פּלאַץ זײַנען פֿון יע־נער זײַט געשלײַדערט בײַם געקומען צו יאָגן צװײ טראַכט־אױטאָ־מאָבילן, באַפּוצטע מיט בלומען און מיט פֿענדלעך. די רעגע האָ־בן זיך אַ יאָג געטאָן פֿון בענקל צו בענקל די גיבערדיקע טאַנ־צאָרן און האָבן גענומען אײַנטאָסטען די כּחרע אַז די מאַשי־נעס, און אין װאָסערע צען מינוט אַרום האָט די גאַנצע זיניקע זיך געלאָזט אין װעג אַרײַן.

דאָס איז געװען אַ מאָדנע פּראָצעסיע. װער ס'געלעגן אַפֿן רוקן, װער אַפֿן בױך, װער אין אַ קאָרסעט, װער אין גיפּס, דאַר־טיקע, הױקערדיקע, פּאַראַליטיקער. אָבער אַלע אין פּאַפּירענע שליאַפּעס, אַלע מיט רױטע פֿענדלעך, בײַ אַלעמען — דאָס טײל ביז די אױערן, אַלע זײַנען גליקלעך.

ניט װײניק מאַשינעס, באַזעצט מיט קינדער, זײַנען דעם טאָג דורכגעפֿאָרן איבערן גידראָן פֿון פֿענטאַפּײער װעג. און אַלע האָבן זײ געשריגן „אוראַ" און געפֿאָכעט מיט די רױטע פֿענדעלעך. אָבער די זוניקע זײַנען געװען גליקלעכער פֿון אַלעמען: דאָס ערשטע מאָל, אַז זײ נעמען אָנטײל אין אַן ערשטמײַקער דעמאָנסטראַציע. זײ פֿירן מיט זיך מאַטאָנעס דעם פֿענטאַפּײער



קאָלווירס—אָט ווײסל עפּער! אונ אזעלכע גרינע! — איצטער וועלנ זיי זענ אנ עמעסע מיל אונ אינ־דעקעס וועלנ זיי זענ, אונ קעלבעלעך. אונ אומזיכט רעדט זיי אײַנ דעמיאַנ יעמעליאַניטש, זיי זאָלנ כאָטש אפּ א מינוט אופהערנ צו ווילדעווענ אונ זיך רײַסנ די קישקעס מיטנ „אורא“.

אונ דער גליקלעכסטער פונ זיי אלעמענ איז אָנ שום סאָפּעק אילקאָ. מע האָט אים געשענקט אונ מע האָט אים מיטגענומענ מיט זיך. דערפאַר ווײַל, ווי נאָר ער האָט דערזענ אנ אויטאָ־מאָביל, האָט ער אזוי גענומענ רעווענ אונ קוויטשענ אונ זיך קלאַפּנ מיטנ קאָפּ אינ בעטל, אז די כעוורע האָבּנ שוינ אפּ אים מיטלייד געקריגנ:

— נו, זעצ זיך... זאָל שוינ זײַנ אזוי... צוליבּנ יאָנטעוו. אָבער געדענק, זאָלסט שוינ מער ניט טונ אינ דער גאָל... ער האָט זיך אויסגעזעצט אונ גענומענ כיכיקענ אונ באַלעבּעבּעשענ, ווי אנ אלטע באָבּע:

— אוי, טײַערינקע מײַנע, אוי, גאָלדענע מײַנע, אוי, שײַנדע־לעך מײַנע...

— יזער א־שטומט, מאַגײפּע! האָט זיך בּובּא צו אים אָנגערופנ.

2. די כאזער־שטאָט

אפּנ וועג האָבּנ זיי ניט באַגעגנט קיינ שום אויס־סערגעווײנלעכע זאַכנ. אָבּער פּאַר קינדער, וואָס זײַנענ לאַנגע יאָרנ אָפּגעלעגנ אפּ די בעטלעך, איז יעדער קראָ געווענ א געשעעניש.

— א יאַסטשערקע! א יאַסטשערקע!

— אויפּעלעך געלינקע!..

— א שירעם! א שירעם! א מומע אונטער א שירעם! א שירעם.

אינ קײנ שום מוזײ האָט נאָכ קײנ שום טוריסט קײנמאָל ניט באטראכט אזעלכע טײַערסטע זעלטנקײַטנ מיט אזא מינ נײַגיר, מיט װעלכע די־אָ קאליקעס, װאָס האָבנ זיכ ארויסגעריסנ אױפ דער פרײַ, האָבנ געקוקט אױפ יעדער דאָינ־שטריכ, אױפ די קודלאטע הינט, אפנ רויכ פונ װײַטע שײַטערס.

— ציגעלעכ! ציגעלעכ! ציגעלעכ! ציגעלעכ!

און קײנער פונ אָ־די שרײַערס האָט גאָרניט באמערקט, אז יעדער דורכגײער, װאָס זײ באגריסנ אים מיט אזא מינ פרײדיקער קװיטשערײַ, קוקט זײ אָנ מיט שרעק און מיט װײטעק. זײ װאָלטנ זיכ דאָס אױכ פארװוּנדערט, אָט די גליק־באשענקטע, װענ זײ װאָלטנ דערזענ, װי אזױ יעדער מאָל, װענ זײערע מאשינעס פאָרנ דורכ פארבײַ װעלכער ס'ניט איז יאָנטעװדיקער כאָפּטע מענטשנ, טוט זיכ פונ אלע פענצטער פלוצים אָפּ יעדער שמײכל, און ס'קומט ארויס אנ אויסדריק פונ טרויער. קײנעם פונ די כעװרע איז גאָר אפנ געדאנק ניט ארופ, אז זײערע װײַסע באנדאזשנ, זײערע הויקערס, זײערע צונויפגעדרײטע „מאקאראָנעדיקע" פיס רופנ ארויס א מלאָשנעם געפיל פונ ראכמאָנעס. ניט אומזיסט האָט די װניקע אינ מעשעכ פונ אזא לאנגער צײַט אױפ פארשײדנערלײ אופאנימ אָפּגעװענדט זײער אופמערקזאמקײַט פונ זײערע פערזענלעכע לײַדנ.

אינ קאָלװירט האָבנ זײ זיכ פארזאמט ניט קײנ סאכ. די דאָרטיקע פיאָנערנ האָבנ זײ מעכאבעד געװענ מיט מוזיק, מיט ראָזינקעס, מיט האָניק און האָבנ זײ געשענקט שטעכלערלעכ. פּיצינקע און גאָרניט אזעלכע שטעכעדיקע. — אָבער געקומענ זײַנענ זײ דאָכ אהער גאָרניט נאָכ קײנ שטעכלערס. האָבנ זײ זיכ אלע װײַלע אומגעקוקט אינ געהאלטנ אינ אײנ פרעגנ:



— און טראקטערס? חרושע זײַנען די טראקטערס?

אָבער קײנ טראקטערס איז דאָ ניט געחען, די טראקטערס האָבן געארבעט אינ פעלד, ווײַט פונ יענער זײַט קעמל־בארג. דאָ זײַנען נאָר געווען נידעריטשקע גרינע שטיבעלעך, ווי ס׳האָבן געלעבט אינ אלעם גוטן צוויי טויזנט פיר הונדערט פערציק ווייער ציכטיקע און ווייער פעטע כאוויירים.

לאָזט זיך אויס, אז פענסאפייע איז א קאָלחירט פונ כאוויירים־צוכט.

ציבעלע האָט גענומען בורטשען. ער האָט אָנגעבלאָזן זײַנע דיקע ליפן און האָט גענומען דערווײַזן זיוקען פארצאָרנט, אז מיליאָנען (סאקע מיליאָנען!) פײַנסטע כאוויירים זײַנען ניט אים־שטאנד צו פארבײַטן אפילו דאָס מינדסטע, דאָס געמיינסטע טראקטערל. זיוקא האָט זיך אָנגעבלאָזן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

אָבער פונ יעדער גרינעם שטיבעלע האָבן אזוי כײנעווריק ארויסגעקוקט די ראָזעווע קליינכאווערלדיקע צורעס. און אײנ כאווערינע איז געווען אזוי שטארק געראָטן אינ פראנצעוונען. אינ די צווײטע, וואָס האָט דאָ געהייסן ציגײַנערטע, האָט זיך אזוי ראכוועסדיק אויסגעלייגט אינמיטן הויף צוזאמען מיט אירע צען ציגײַנערלעך, וואָס זײַנען צוגעפאלן צו אירע שפּעדיקע מעלקלעך. און אזא זאטע, אזא הימלעכע כריוקערײַ האָט זיך צעטראָגן איבער דערטאָזיקן גאנצן כאווער־שטעטל, אז די כעווירע זײַנען זייער גיך געטרייסט געוואָרן און האָבן אליין גענומען כריוקען אפּ פארשיידענע שטימען.

אָט דאָס איז טאקע ווירקלעך געווען א כאווער־שטאָט, אָדער בעסער—כאווערינסק.

דאָרטן זײַנען געווען פלעצער, געסלעך און גאסן. דאָרט איז געווען א קאָמונאלע קיך, דאָרטן זײַנען געווען בעדער, באסיינען, קאבינעטן פאר דאָקטוירים, און איבער די טירלעך האָבן אראָפּגעגלאנצט פארשיידנפארביקע שילדן, און אט דריאָ שילדן איז געווען אָנגעשריבן:


דער כאזער איז
אונדזער גיכע הילפ!
אפן ערשטן
ארט!

„ציגײַנערטע“, „גאלעכטע“, „באָראָדאטש“, „סטעפאנידא
איוואנאָוונא“, „מאריא:א“, „מארקיזיצערג“, „קראסאוויצע“.

אונ פונקט ווי אינ אנ עמעסער שטאָט, זײַנענ אלע פלויטנ אונ אלע געבײַדעס געווענ באהאנגענ מיט קומאטש־פלאקאטנ, באַמאָלטע מיט זייער ענערגישע לאָזונגענ:

„מיר נייטיקנ זיכ אינ ענטוויקלטנ פונ כאזיירים־צוכט!“

„די כאזיירים־אופציִער — אפנ ערשטנ אָרט!“

„דער כאזער איז אונדזער גיכע הילפ!“

„אונדזער הויפט־מאשינ אינ דער פלייש־פראָדוקציע איז דער כאזער“.

אז די כעווריע האָבנ זיכ אײַנגעלייענט אינ די־אָ לאָזונגענ, האָבנ זיי פונ טכילעס געהאלטנ אינ איינ לאכנ פונ דעמ. אָבער איזראיִל מויסייִטש האָט געזאָגט, אז זיי זײַנענ גלאָטפנ, אונ ער האָט געגומענ זיי געבנ צו פארשטיינ, אז כאזער־צוכט וועט ווירקלעכ שטארק נוצנ ברענגענ אונדזער סאָציִאליסטישער בויונג.

— פונ די צארישע צײַטנ זײַנענ אונדז פארבליבנ, — מאכט ער, — ניט קיינ כאזיירים, נאָר דארע טאראנקעס, וואָס האָבנ זיכ דערנערט מיט איינע פאָטויעס. מיר אָבער נייטיקנ זיכ אינ אָט אזעלכע העלפאנטנ...

אונ ער האָט אָנגעוויזנ אַפ סטעפאנידא איוואנאָוונען.

— זעט איר, סארא מינ ריזיכע. יעדע איינציקע פונ דעמ־אָ מינ וועט אונדז געבנ פונקט פיר מאָל אזויפיל פלייש, ווי ס׳פלעג אונדז געבנ אונדזער דאָרפישע כריושקע. מיט דער הילפ פונ אָט די־אָ ענגלישע „קראסאוויצעס“ פארבעסערנ מיר די ראסע אויסגעטאָגערטע כאזיירים אונדזערע. גאָר אינ א קורצער צײַט ארומ וועלנ מיר האָבנ מיליאָנענ „אינדיקעס“ אזעלכע... אונ דאנ...

אָבער דאָ האָט איזראיִל מויסייִטש זיכ פארהוסט, אונ די כעווריע האָבנ זיכ צעקוויטשעט אונ צעפילדערט: צו זייער מאשינ איז צוגעגאנגענ א מוירעדיקע, א גוואלדיקע כײַע. דאָס איז

געווענ דער באריכטער „יאשקע“- א ראַזעווער כאוער, דער טאטע פונ דרײַ הינדערס אונ צוואנציק כאזײריםלעך.

אים האָט כענ ארויסגעלאָזט צו די כעווריע פונ א באזונדער שטיבעלע, וואָס איז געשטאנענ אינגאנצנ אינ דער זײַט. ער האָט פארמאָגט א גײַסטיקנ אינטעליגענטנ זעלבסטצופרידענעם ליטש, עגלעך אפ א כעגבפיגג פאָנעם, האָט פארמאָגט קלײנע קורצזיכטיקע אײגעלעך. ווענ דו טוסט אים אָנ א פאָר ברילנ, וואָלט ער זיך, דאכט זיך, גלײַך א כאפ געטאָנ צו א צײַטונג. ער איז געשטאנענ אנקעגנ די כעווריע אונ געכריוקעט צו זײ מיט א דונערדיקנ באס. ער האָט געכריוקעט אָנ אנ אָפשטעל, פונקט ווי ער וואָלט דערצײלנ עפעס גאָר א ציקאווע געשיכטע. די געשיכטע איז געווענ זײער א לאנגע... באם דערצײלנ האָט ער זיך אזוי פארכושט, אז ער האָט, קענטיק, אינגאנצנ פארגעסנ, אז זײַנע צוהערער פארשטײענ ניט זײַנ לאָשנ. די געשיכטע איז געווענ זײער אנ ערנסטע, א טרויעריקע, אָבער די צוהערער האָבנ זיך די קישקעס געריסנ פאר געלעכטער. באזונדערס האָט עס זײ געשטופט צום לאכנ, וואָס פונ בײדע באקנ זײַנענ בא אים אראָפגעהאנגענ לאנגע גרויע באקנבארדנ, וואָס האָבנ צוגעגעבנ זײַנ גײַסטיקנ ליטש עפעס א סאָלידנ זקײניש אויסזענ. ס'איז אפילע געווענ ניט באקוועם צו רופנ אים „יאשקע“. ס'האָט זיך גאָר געוואָלט אים אירצנ אונ אים רופנ באם נאָמענ אונ פאָטערנאָמענ:

— יאקאָוו איוואניטש, עפשער וואָלט איר געגעסנ א שטיקעלע ברויט?

— יאקאָוו איוואניטש, פאָרט זיך דורכ צו אונדז אינ דער ווניקער צו־גאסט.

אָבער ער האָט ניט געהערט גאָרניט, ווײַל ער איז געווענ זײער ארײַנגעטאָנ אינ זײַנ אײגענער רעדע.

דערווײַל איז צוגעקומענ די מומע ווארקא אונ האָט זיך אָנגערופנ:

— צײַט אַהײם פֿאָרן.

די כעווריע האָבן גענומען שרײַען: „נײן! נײן!" אָבער דער שאָפֿער האָט שוין געלאָזן די מאַשין — און זײַ געזונט, קאָלחאָזניקעס! זײַט געזונט, גרינע שטיבעלעך! זײַ געזונט, סטעפּאַנידאַ איוואַנאָוונאַ! זײַ געזונט, הויכגעשעצטער יאַשקע!

זײ האָבן געפּאָכעט צו יאַשקען מיט די פּאַפּירענע שליאַפּעס, ער האָט אַז זײ געקוקט מעיושעוודיק און העפֿלעך און האָט אַלץ נים אופֿגעהערט צו דערצײלן, און זײַנע גרויע באַקנבאַרדן האָבן זיך בײַסמײַסע געפּאָכעט אַנקעגן ווינט.

אַהײם האָט מען זיך אומגעקערט איבער דעמזעלבן װײַבן און לײדיקן שליאַך, אַלע שטילע און שלעפּערדיקע, אָבער סײַווי יאָנטעוודיקע.

אומגעקערט האָט נען זיך נים מיט קײן לײדיקע הענט. אין פּענסאַפֿײע האָט מען זײ איטלעכן אײַנגעטײלט פּײַפּעלעך, ראָג־ביקסלעך, בײַטשעלעך, אָטשערעטענע און לײמענע דודעס. ליאַליען האָט מען געשענקט אַ פּעדער פֿון אַ פּאַווע. סעריאָזשען — אַ טײַבלש אײעלע. בובען אַ גראַנער, — אַ ס אַ ר אַ ק ו צ ק ע, געמאַכט פֿון אַ קלײנינקן קירבעסל.

געקומען אַהײם, זײַנען זײ טײקע אַנשלאָפֿן געוואָרן. און אינדערפֿרי, ווי מע האָט נאָר אופֿגעריסן די אויגן, אַזוי האָט מען גענומען האָדעווען די שטעכלערלעך און זיך דערמאָנען אינעם באַרײדעוודיקן יאַשקען.

סעריאָזשאַ האָט זיך געפֿילט זײער אומגליקלעך, ווײַל דאָס טײַבלשע אײעלע האָט זיך בײַ אים צעקוועטשט. ער האָט שרעקלעך מעקאַנע געווען בובען, וואָס יענער האָט געגראַגערט מיט זײַן ס אַ ר אַ ק ו צ ק ע אָן אַן אופֿהער.

— בובאַ, לאָמיך אויך... אַ קלאַפּ טון.

— איכל נישט געבן, וועסט צעקאָקען! — האָט בובאַ געענטפֿערט אָפּגעהאַקט.

און ער האָט זיך נאָך שטאַרקער צעגראַגערט.

3. דער שלאַנג

דער ערשטער מאָ האָט זיך געצויגן דריי טעג.

דעם דריטן טאָג גאַנצפֿרי איז געקומען אדאם אדאמיטש. ער האָט קיין האַלבן וואָרט ניט געזאָגט און אַרויסגענומען פֿון טשע־מאָדאַנדל א גרויסן בלעכיקן קנויל.

מיר אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז ס'הייבט זיך אָן עפּעס א נייע פֿרייד.

אדאם אדאמיטש איז לאַנגזאַם אַוועק צו דער גלעזערנער שאַפֿע. ער האָט אַרויסגענומען פֿון דאָרט זיינעם שלאַנג און ער האָט גלייך אָן קיין שום אָנשטרענגונג אים אונטערגעוואָרפֿן אַזוי הויך, אַז אין צוויי־דריי מינוט אַרום האָט דער ריזיקער שלאַנגול אויסגעזען ניט גרעסער פֿון א געוויינלעכער פּאָסט־מאַרקע.

די זוניקע האָבן נאָכגעשפּירט נאָכן שלאַנג מיט דער גאַנצער מייע אויגן און זיי האָבן מעטונענרחייז געשריגן אַז אַלע קוילעס:

— ער הייבט זיך! ער הייבט זיך! שלעפּט! שלעפּט!

— אַוועק! דערלאַנגט פֿאָדעם.

— אַוועק! אַוועק! אַוועק! אַוועק!

— או־או־או־או, סאַראַ הויכקייט! או־או־או־או!

— אַוועק! אַוועק! אַוועק!

דער שלאַנג האָט זיך געהויגט אונטערן סאַמע הימל און האָט פֿאַר נאַכטס געשאָקלט מיט זיין בונטן עק.

אונטער אים איז געלעגן דער יאַם, א צעפּאַסטעטער מיט שניי־ווייסן שוים. דער שלאַנג האָט זיך געצויגן אַלץ העכער צו דער פֿריילעכער מייַשער—זון. און אדאם אדאמיטש האָט אים ביז נאָכגעקוקט, פּונקט ווי ער וואָלט ניט באַגיסטיקט יענעמס אויפֿירונג.

נאָר אַז אדאם אדאמיטשן איז קיין כידעש ניט, אַזאַ מענטש איז ער שוין. קעסיידער, ווען ער פֿאַרשאַפֿט די קינדער עפּעס אַנגענעמס, ציט ער אָן באַ זיך א בייזקייט אַפֿן פּנים, פּונקט

ווי ס'וואָלט אים געווען אומהייבלעך פון זײַן אייגענער גוטס־
קײַט. דערפאר טאקע פלעגן די כעוורע באזונדערס ווערן פריילעך,
ווען אדאם אדאמיטש פלעגן קומען א ברויגעזער.

אויך איצט האָט ער שטרענג א קוק געטאָן אויף די כעוורע און
ער האָט זיך אָנגערופן מיט א פארקניטשטן שטערן, אז אויב זיי
וועלן אויפהערן פילדערן, וועט ער זיי, מעגלעך, לאָזן צוהאלטן
א ווײַלע דעם שלאנג פארן פּאָדעם.

איי, איז אין דער ווניקער געוואָרן שטיל! מ'איז אנשוויגן
געוואָרן אין איין אויגנבליק. וואָס רעדט איר? באלד וועלן זיי
אליין מיט די אייגענע הענט לאָזן צום הימל ניט קיין מאָנאכל,
נאָר אן עמעטן, אן עמעסן שלאנג, וואָס איז שוין פארפלויגן
אזוי הויך, אפילע די מעוועס זײַנען ניט בעקויעך אים צו דערלאנגען.

און בא אָדאם אדאמיטשן איז דאָט פּאָנעם געווען נאָך בייזער,
בעשאס ער איז אומגעגאנגען איבער די רייען, האָט זיך אָנגע־
בויגן לעם יעדן בעסל און האָט יעדערן, יעדערן פאר־
טרויט לויט דער ריי אָט דעם־אָ טײַערן פּאָדעם. און דער, וואָס
האָט באקומען דעם פּאָדעם אין האנט, האָט זיך צעשײַנט ווי א
סאמאָוואר, און אלע האָבן אויף אים געקוקט ווי אויפן סאמע
גליקלעכסטן.

און דאָס־אָ גליק האָט זיך געצויגן צוויי שאָ. אדאם אדאמיטש
האָט קיינעם ניט פארפעלט. אז דער פּאָדעם איז דערגאנגען צו
ציבעלען, האָט זיך ציבעלע צעכריוקעט, ווי יענער־אָ כאזער, ער
האָט געכריוקעט די גאנצע צײַט, וואָס דער פּאָדעם איז געווען
אין זײַנע ווייכע הענט. און אז דער פּאָדעם איז דערגאנגען צו
בובען, האָט בובא אזוי קאָמיש צעטעפּט זײַן ברייטן פּיסק, אז
אפילע אדאם אדאמיטש האָט, דוכט זיך, שיר ניט קיין שמייכל
געטאָן, און קיינעם האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט אײַנגעגעבן צו זען
א שמייכל אויף זײַן אויסלענדישן געזיכט.

אָבער אָט־אָ וועט מען שוין באלד ברענגען צו טראָגן דעם
ווארעם. גיכער, גיכער, שלעפּט אים. וויקלט אָן! דער שלאנג

אקשנס זיכ, ער רײַסט זיכ פונ די הענט, מע דערקענט לויט אַלע סימאָנים, אז אים ווילט זיכ ניט אומקערנ אינ דער ענגשאפט, אינ דער שטיקעניש, אהער אפ דער פאָלעצע אינ דער גלעזערנער שאפע. ער בײַגט זיכ אויס אי אפ לינקס, אי אפ רעכטס, פונקט ווי ער וואָלט בעטנ, אז מע זאָל אים דערלויבנ נאָכ איינ ביסעלע אומפליִענ. אָבער אדאם אדאמיטש איז אײַנגעשפארט אונ פעסט. נאָכ צענ מינוט, אונ דער שלאנג ליגט שוינ אפ דער ערד. אונ נינא די גײענדיקע הייבט אים אופ אונ בעט אים ארײַנ צוריק אינ שאפע.

אר־אר־או, ס'א מינ גרויסער! — זאָגנ די קליינע, פונקט ווי זיי וואָלטנ געמיינט, אז אומקערנ דארפ ער זיכ שוינ א קליינינקער.

אינ עטלעכע טעג ארומ נאָכ די יאָנטויווימ זײַנענ אָנגעקומענ אזעלכע היצנ, וואָס סעריאָזשא האָט נאָכ, זינט ער לעבט, אזעלכע ניט געזענ. דער ווינט איז אנשטילט געוואָרנ, אונ די זוניקע איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ א צעגליסנ קאלכ־אויוונ.

די כעוורע האָבנ אָנגעהוירנ דעמ אפעטיט, זיי זײַנענ אראָפ פונ פאָנעמ. די דאָרשט האָט זיי ניט געלאָזט לעבנ. גאנצענע טעג האָבנ זיי געבעטנ א טרונק. דרײַ־מאָל א טאָג פלעג מענ זיי אָפגיסנ מיט קאלטער יאמ־וואסער. שלאָפנ פלעגנ זיי הוילע, אפילע זיכ ניט צוגעדעקט מיט קיינ לײַלעכ. אָבער אויכ די נאכט

האָט זיי ניט געבראַכט קיין קילקייט. דערצו פלעגן נאָך יעדן אָוונט אָנפליִען אַף זיי די מאָסקיטן (אַזעלכע פיצינקע בייסיקע פליגעלעך) און זיי פלעגן זיי בייסן ביזקעלע גאַנצפרי.

שלעכטע צייטן זיינען אָנגעקומען אַף דער זוניקער. אַלע זיינען געוואָרן אויפגערייצט. מע פלעגן זיך קריגן פאַר יעדער דער־רוער־ווייסט־וואָס, פראַווען קאַפריזן, — אַזוי אַז אַף איטלעכן איז געווען גרויס די סימכע, אַז מע האָט דערלעבט דערציִען דעם הארבסט, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך קילקייט און ווינט.

4. די ראָגזשענע פאָן

— אָבער וואָס ווייסטו, אילקאָ?

— בובא זאָגט אַף מיר: כאָליערע.

אַזעלכע פלעג זיך איבערכאַזערן זייער אָפט. ווען איך וואָלט אַט די־אָ מייסע אויסגעקלערט פון קאָפּ, וואָלט איך עפשער צו־געטראַכט, אַז בובא איז בײַטאָמאָל, אין מעשעך פון עטלעכע טעג, איבערגעקערט געוואָרן פון אַ באַרימטן כוליגאַן אין אַ קאָמיו־גיסט.

איך שרייב אָבער דעם ריינעם עמעס און איך מוז זאָגן, אַז ער האָט נאָך פאַרשאַפט גיט ווינציק מאַטערנישן אי דער מומע וואַריען, אי אַדאַם אַדאַמיטשן, אי אַלע כאַווירים זיינע, די זוניקע.

שווערער פון אַלץ איז געווען אים אָפּגעוווינען פון יענע גראָבע זידל־ווערטער, וואָס פלעגן גאָר אומגערן אַלע ווײַלע אַרויספליִען בא אים פון מויל. אָט די אָ זידל־ווערטער האָבן זיך באַלד איבערגעגעבן די איבעריקע, אַז אַפילע די קליינינקע, ווי־נאָר מע צעקריגט זיך, שרייט מען באַלד:

— האַדיוקע דו!

— דו, פּאַסקידסטווע דו!

פריִער האָט זיך פאר דער ערגסטער זידלעריַ גערעכנט דאָס
וואָרט „ארכיִעריי" (דאָס הייסט, א גאלעך) און ווי איז געווען צו
דעם, ווען מע האָט א נאָמען געגעבן „ארכיִעריי". און איצט,
זינט בובא איז געקומען, האָבן דאָ גענומען קלינגען אזעלכע ווער־
סער, וואָס וואָלטן בילסן גיכער פאר א שיַקע גאנאָווים. זיך איי־
בערגעפירט, פארגרעבט געוואָרן זייַנען די כעווריע. די מומע וואַ־
ריא פלעגט זיך מאמעש כאפן פארן קאָפּ, דערהערנדיק די נעמען
און די צונעמעניש, וואָס די כעווריע האָבן איינער דעם אנדערן
געגעבן: שפיר־הונט, צורע־מעלוכע, פופעק, סמארק א. אז. וו.

וואָס־זשע הייבט מען דאָ אָן צו טון?

די מומע וואריא האָט לאנג געגעבן צו פארשטיין די כעווריע,
אז מיִעסע זידלעריַ — דאָס איז א שלעכטע יערושע פונעם אלטן
שטייגער, אז זיי, די צוקונפטיקע קאָמונארן, די שעפער פון דער
נייַער קולטור, וועלן מוזן מיט אלע קייכעס באקעמפן און זיך אָפּ
די־אָ געוווינהייטן פון דער פארגאנגענהייט.

— אייַער קאָרפוס רעכנט זיך בא אונדז פאר א מוסטערהאפטן.
איר זייַנט שלאָגלער, איר האָט דורכגעמאכט איבער זיך אזא
גרויסע ארבעט, איר־האָט אויפגעהויבן די דיסציפלין אינעם גאנצן
קאָלעקטיוו. מיר האָבן שטאָלצירט, מיר האָבן זיך איבערגערומען
מיט אייַך, און איר: כאָליערע, כאָליערע, האדיוקע...

אָבער די־אָ רעדעס האָבן ווינציק וואָס געהאָלפן. ס׳האָט זיך
אָנגעהויבן א מאגייפע פון זידל־ווערטער. די כעווריע האָבן זיך
פארומרייניקט די מייַלער און אָנגעקוואָלן, אויב בובא האָט אמאָל
פארדרייט א שארפן „מישעבייריעך".

ס׳זייַנען, פארשטענדלעך, געווען אויך אזעלכע, וואָס האָבן עס
שטארק ניט געוואָלט לייַדן, זיי זייַנען אָבער ניט געווען גענוג
בעקויעך אפ זיך אָרגאניזירן ווי עס באדארף צו זייַן און געבן
די מיִעסע פיסקעס דעם געהעריקן פסאק. און דאָ איז נאָך ווי אפ־
צעלאָכעס אָנגעקומען א גאנצע פארטיע נייַינקע, וואָס זייַנען נאָך
ניט צוגעוווינט געווען צו דער רעכטער דיסציפלין, און האָבן גע־

בראכט צו פירנ מיט זיכ די פארגרעבסטע געוווינהײַטנ. אפ זיי פלעג ניט ווירקנ קײנ שום געבנ צו פארשטײנ, אזוי אז אדאם אדאמיטש, די מומע ווארא און איזראיל מוסייִטש האָבנ בא־שלאָסנ אויספרוּוונ א נײַעם און מער זיכערנ מיטל.

ס'איז אפ א פײַערלעכנ אויפנ געמאָלדנ געוואָרנ א דעקארע פונ געזונט מאכנ דעם שטײַגער. דעם רינג, וואָס וועט אינ מע־שעכ פונ דעם טערמינ זיכ אמערסטנ אײַנהאלטנ פונ כוליגאנישע זידל־ווערטער, וועט מענ פארשרײַבנ אפנ רויטנ טאָוול, און אלס באלוינונג וועט מענ אים אונטערטראָגנ א הילצערנעם מאָדעל פונ אנ עראָפלאנ.

אָבער דעם רינג, בא וועמענ ס'וועט זיכ אָנצײלנ די גרעסטע צאָל פארבאקסטע פיסקאטשעס, וועט מענ פארשרײַבנ אפנ שווארצנ טאָוול און אונטערטראָגנ וועט מענ אים א ראָגוזשענע פאָנ.

— איר מוזט זיכ אײנער דאָס אנדערע, — האָט אדאם אדא־מיטש געזאָגט, — נעמענ אונטער שטרענגנ אויפזיכט. און יעדערנ, ווער ס'האָט געזאָגט א מיִעסנ וואָרט, זאָלט איר טײקעפ פאר־שרײַבנ אפ אָט די־א בלעטלעכ.

און ער האָט ארויסגענומענ פונ זײַנ טשעמאָדאנ א גרויס פעקל מיט פארשײדנפארביקע בלעטלעכ פאפיר, און ער האָט גע־געבנ יעדערנ צו אײנעם.

דעמזעלבנ טאָג זײַנענ אפ אלע סטויפעס אויסגעוואקסנ פלא־קאטנ, וואָס סעריאָזשא האָט אלײנ פארפאסט:

צי פאַסט עס פאַר א פּיאָנער
גראָבע ווערטער רעדנ?
א גוטער מוסטער מוז דאָכ זײַנ
דער פּיאָנער פאַר יעדנ.

און ס'איז אוועק א גײעג. די מומע װאריען האָט מעג פֿאר־שטורכעט מיט אלערליי פֿראגן:

— מומע װאריא, פּאצױרע איז א זידל־װאָרט, צי ניט?

— און באראכלאָ? און באלדא?

און מע האָט געהאלטן גרייט די בלײַערס, װי נאָר, לאָמיר זאָגן, סאַלאָמאָן, פֿלעג, װי זײַן געװוינשאפט איז, א בורטשע טון: „אכ, טשאָרט“! — אזוי פֿלעגן צענדליקער הענט אויסכאפּן דעם־אָ „טשאָרט“ און אים ארײַנטראָגן אין די קאָנטראָל־בלעטלעך.

דער רינג, אין װעלכן בובא איז געװען, האָט זיך געפֿילט גאָר ניט פֿריילעך.

— אוי, די ראַגאָזשקע, װעט, דוכט זיך, אונדז ניט אויסמײַדן!

אָבער פֿון דער לעכאַכילע איז אלץ געגאנגען גוט. בובא איז ביכלאל געװען אויסגעהאלטן אַם לאָשן, און איצט האָט ער, קענטיק, באשלאָסן שוין ביכלאל קיין איין װאָרט ניט אויסריידן, ער זאָל זיך כאָלילע אומגערן ניט אויסשעלטן. בלויז „יאָ“ און „ניין“.

דער רינגלער ענװער איז געװאָרן פֿעסטער בא זיך:

— האלט זיך איין נאָך א טאָג, געװוינען מיר!

און װירקלעך, אינעם דריטן רינג—אין יענעם רינג, װו סאַ־לאָמאָן האָט זיך געפֿונען, האָבן זיך שוין אָנגעקליבן גאנצע פֿינף „זידלערײַטשעס“, אינעם נײַנטן — פֿיר, און אינעם ערשטן — אין ענװערס — אינגאנצן דרײַ, אי דאָס אינגאנצן ניט איבער בובען.

בובא האָט זיך געפֿילט װי א קאָזאק, און ער האָט געבלאָזן די באקן פֿאר שטאָלצקייט.

אָבער אים האָט זיך, קענטיק, פֿארװאָלט זיך נאָך שטארקער אויסצייכענען, און שוין דעם לעצטן טאָג פֿון דער פֿארמעסטונג, — די גאנצע זוניקע האָט זיך גאָרניט געקענט אָפּכידעשן אַם אים קוקנדיק, — איז אים אײַנגעפֿאלן ארויסטרעטן אין דער ראָל פֿון א שטראָפֿער איבער די איבעריקע מיִעסע פּיסקעס. און דערבײַ האָט ער ארויסגעשטעלט אזעלכע אומגעהערטע שטרענגע פֿאָדע־רונגען, אז אסאך זײַנען נישטוימעם געװאָרן פֿאר אומגעריכטקייט.

קוירעמקאָל האָט ער ארויסגעשטעלט א פאָדערונג, אז מע זאָל אם ציבעלעך ניט זאָגנ מערער ציבעלע.

— דערפאר, וואָס ציבעלע איז א זידלעריי, אנ אָפשפעטעכץ!

ס׳האָבנ ניט געהאָלפנ ציבעלעס שוועס, אז אים איז נאָר ליב, וואָס מע רופט אים ציבעלע:

— ביטע, רופט מיך קעסיידער אזוי.

ביבא האָט געדרייט מיטנ קאָפ:

— איך בינ א הראמאָטנער, מיך נארט מענ ניט.

אינ ער האָט ארויסגענומענ זײַנ גרינ פערכעלע פאפיר אונ ער גענומענ באדעקנ מיט געבראָכענע קאָטשערעס.

אינ א מינוט ארום האָט ער זיך געטשעפעט צו סעריאָזשענ דערפאר, וואָס ער האָט זיך דערוועגט צו זאָגנ אפנ דאָקטער, ווי מע איז געוווינט אים רופנ, באראבאנ באראבאניטש. אונ אז מע האָט אים געבראכט אינ איבערבינד־קאבינעט, האָט ער אויך דעם דאָקטער ניט געשוויגנ.

ווי נאָר דער דאָקטער האָט זיך אָנגערופנ צו איינער א נייַנקער: „ני, אָפודעלע־נאמודעלע, ווײַז נאָר דײַנ פלייצורע״ — האָט בובא אפ אים דראָענדיק א קוק געטאָנ:

— אהא, אָפודעלע! אהא, נאמודעלע!

אונ ער האָט ווידער א כאפ געטאָנ דעם בלײַער אונ ער האָט אפסנײַ גענומענ ארויספירנ אפנ פאפיר אועלכע בייזע קאָטשערעס מיט ווילקעס.

מיט איינ וואָרט, פונ א פארברעכער איז ער געוואָרנ א פראָקוראָר: אונ די־אָ ראָל איז אים זייער געפעלנ געוואָרנ. ס׳איז אים געקומענ צום טאם, אונ ער האָט זיך גענומענ טשעפענ צו אלעמענ, אפילע צו ליאליענ:

— אלעמײַ האָסטו געזאָגט אפ די פעדעמער, אז זיי זײַנענ „פאָהאנע״. „פאסקודנע״?

אלע האָבנ אָנגעקוועלט פונ דער־אָ מײַסע. א דײַגע, זאָל ער זיך טשעפענ. קיינעם וועט עס ניט פארשאטנ!

קיינער האָט ניט געפּילט, אַז אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע הענגט איבערן סאַמע קאָפּ, און אָט־אָט רײַסט זי אויס.

די קאַטאַסטראָפע האָט אויפ־געריסן באַם אָונטנבריוו איבער אַ גאָרנישט מיט גאָרנישט — איבער אַ „קאַרגע־מאַנשאַרגע". אין דער זוניקער איז „קאַרגע־מאַנשאַרגע" ניט קיין זידל־וואָרט, נאָר אַ גוטמוטיקער פאָרוווּרף. אויב אײַער שכיינע אַטן צווייטן בעטל וויל אײַך ניט געבן עפּעס אַ פודעלע, אַ סטענגע אָדער אַזוי אַ שמאַטקע, זאָגט איר צו איר: „אוך, קאַרגע־מאַנשאַרגע", און יענער פאַלט גאָרניט אײַן זיך אַפּ אײַך צו באַליידיקן. דאָ איז דאָס וואָרט ניט קיין אומקאָוועד, פּונקט ווי: „אַ דאַנק — ניטאָ פאַרוואָס". און איצטער, באַם אָוונטברויט, בעשאַס אילקאָ האָט געבעטן באַ אַנגעליען, זי זאָל אים געבן נאָך אַ פּאָרציע פאַרבײַסן, און יענע האָט איב־אָפּגעזאָגט, דערפאַר וואָס ער האָט שוין אופגעגעסן צוויי פּאָרציעס אַזעלכע, — האָט ער לריכנ אַמאָליקן זוניקן מינהעג, אַזוי מעכאַניש, אַ בורטשע געטאָן:

— קאַרגע! אוך, קאַרגע־מאַנשאַרגע!

זי האָט ניט געמאַכט פון דעם קיין שום צימעס, אָבער בובא האָט זיך פּלוצים אָנגעצונדן, ווי אַ שוועבעלע.

— אהא, קאַרגע! אהא, מאַנשאַרגע! — האָט ער אויסגערופן מיט אַזאַ פײַערלעכקײַט, פּונקט ווי ער האָט געפּאַקט דעם „יואָ־רעם" באַ אַ בלוטיקן פאַרברעכן, וואָס יענער האָט לאַנג־לאַנג אויסגעבאַהאַלטן.

ס'איז ניט קלאָר, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען אונטערן וואָרט „קאַרגע־מאַנשאַרגע". ווײַזט אויס, אַז עפּעס זייער אַ שאָפּלס. וואָרעם ווען אילקאָ האָט ווידעראַמאָל איבערגעכאַזערט אָט דאָס־אָ וואָרט, איז בובא רויט געוואָרן, ווי אַ דול־געוואָרענער אינדיק.

ווי אילקאָ האָט באַמערקט, אַז דאָס־אָ וואָרט ברענגט אַרויס פון די קיילים, האָט זיך אים פאַרוואָלט נאָך הרייעלעכער מאַכן די

סימכע, און ער האָט מיט אן אויסזען פון אונטערדריקטן אומשולד גענומען כאַפּערן, ווי איינער, וואָס פאַרענטפערט זיך:

— נו, איז וואָס, אַז קאַרגע־מאַנשאַרגע? זי איז דאָך טאַקע אַ קאַרגע־מאַנשאַרגע...

דאָ איז בובא אויפגערייצט געוואָרן ביזן לעצטן און ער האָט גענומען צו אים שרייען מיט אַ ווילדער רעציכע:

— שטום זאָל זיין, פאַרביסענער הונט! שטום זאָל זיין, פאַראזיט! איך וועל דיך, אויסוואורף, גיך אָפּגעוווינען פון זידלערייען. צי דיר איז נאָך עפּשער ניט באַוווּסט, פאַרשיוועצ הינטישער, אַז זידלען זיך איז שוין מער ניט דערלויבט.

— בובא! בובא!!! — האָט ענווער פאַרצווייפלט אויסגעשריגן.

אָבער בובא האָט זיך פון אים אַרומגעטריבן, ווי פון אַ בין. און ער האָט אַז דער הייסער שאָ אַריינגעהאַקט אַזאַ מין ווערטעלע, וואָס אַ קאַפּאָרע פאַר דעם אַנדערע צען. און אין דעם־אָ אויגנבליק האָט ער געכאַפּט מיטן געדאַנק, אַז אַלץ איז אַוועק מיטן רויך. ער האָט געפּאַטערט, פאַרפלעקט, געבראַכט אַן אומקאָוועד אַף זיין רינג און אַף זיך אַליין.

און ער האָט זיך צעהוילט מיט אַזאַ מאָדנער שטים, אַז אַפילע די מומע וואַריאַ איז צעמישט געוואָרן און ניט געוווּסט, וויאַזוי אים צו באַרויקן.

ענדלעך איז ער אַנשוויגן געוואָרן. און ס'איז אים געווען אַזוי ניט שיין פאַר אַלעמען, באַזונדערס פאַר זיין רינג און פאַר ענווערן, אַז ער האָט פאַרשטעלט מיט דער האַנט דאָס פּאָנעם, און איז אָפּגעלעגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אָן דער מינדסטער באַוועגונג.

אינדערפרי איז שוין לעם זיין בעט געהאַנגען אַ צעפּליקטע, אַ צעקאָשטשעטע ראָגושע.

ער האָט ניט אַראָפּגענומען פון איר די אויגן. ער האָט מוטיק גענומען אַף זיך די שאַנדע, וואָס דידאָזיקע פּאָן האָט צו אים געטראָגן.

דער דאָקטער דעמיאַן יעמעליאַניטש, אַז ער האָט עס דערזען פֿון זײַן פֿענצטער, האָט ער זיך געכאַפּט פֿאַרן קאָפּ, האָט גענומען פּאַטשן מיט די הענט און פּאָדערן מיט א בייז שעפּטשערײַ, מע זאָל טייקעף צונעמען פֿונדאַנען אָט די עקלהאַפֿטע שמאַטע.

די פּעדאַגאָגן האָבן שוין צו יענער צײַט אַליין באַמערקט, אַז זיי האָבן איבערגעכאַפּט די מאָס. און זיי האָבן אויסגע־ריכט זאָיאַ לוואָוונע צו בובעס בעט, אַז זי זאָל אַראָפּנעמען די ראָגוזשע און זי אָפּטראָגן פֿונדאַנען.

אָבער בובאַ האָט מיט די הענט און ציינער זיך אײַנגעקלעמערט אין דער־אָ שאַנד־פֿאָן און ער האָט צאָרנדיק געמאָלדן:

— ס׳מײַנס!

נאָך א קורצן קאַמף איז זאָיאַ לוואָוונאַ געצוווּנגען געווען זיך אונטערגעבן. אין די פֿאָן איז געבליבן בײַ בובען. ער האָט זיך בלויז דאַן באַרויִקט, ווען מע האָט זי צוריק אויפֿגעהאַנגען אַף איר פֿריִערדיקן אָרט.

ער האָט, ווײַזט אויס, געהאַלטן, אַז ער איז א וויכטיקער פֿאַרברעכער, און ס׳האָט זיך אים געגלוסט באַשטראָפֿט ווערן, פּונקט ווי איינעם, וואָס האָט זיך אײַנגעריכט, ציט צום אַרומוואַשן זיך.

5. צוציק

און אילקאָ... טוט נאָר א קוק — ער וויינט גאָר.

און ווירקלעך, פֿון יענער רגע אָן, ווען ער האָט דערזען אַף בובעס בעט די ראָגוזשע, האָט אילקאָ פּאַמעלעך גענומען אונטער־שמאָרען מיט דער נאָז, ביז ער האָט זיך טאַקע סאָפּקאָלסאָפּ צערעוועט אַף א קאָל.

פֿאַר אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז דאָס פֿילט ער זיך שולדיק: וואָרעם ער, און ניט קיינער, האָט דאָך אונטערגעבאַקט בובען, קעדיי אַרויסשלעפּן בײַ אים א פּאָר קלאָלעס, און האָט אים אַרײַנגע־שלעפּט אין אַזאַ צאָרן.

געזיינס האָט ער אַס פאַרשיידענערליי אויפאַנים. פריִער שטיל, אין דערנאָכדעם הויך. אָבער בובא האָט אפילע ניט געקוקט אין זייַן חינקל.

דערפאַר אָבער צום סאָף טאָג, ווען דער שטראָף־טערמין האָט זיך פאַרענדיקט, האָט בובא ארויסגעשלעפט פון אונטערן מאַטראַץ זייַן ביז גאָר טייַער טאַראַקוצל און האָט זיך געווענדעט צו איל־קאָען מיט די־אָ רייד:

— נאַ, קענסט זיך אַ שפּיל טון, נאָר געדענק, זאָלסט עס מיר ניט צעקאָקען.

און אלע האָבן שוין געוווסט, אז דער עמעסער טייַטש פון די־אָ ווערטער איז:

— ווייסטו וואָס, אילקאָ? לאָמיר זיך איבערבעטן.

אילקאָ האָט אַז אים אַ קוק געטאָן מיט אימצוטרוי: צי שטעקט דאָ ניט קיין אונטערשפּיצל? אָבער ער האָט דאָ טייקעף פאַר־שטאַנען, אז ס'איז מיטן גאַנצן הארצן, האָט ער אוש גע־נומען קוואָליען פאַר פרייד.

— האָ — קאַ — מוירע ניט, איכל ניט צעקאָקען.

און אלע האָבן פאַרשטאַנען, אז דער עמעסער טייַטש פון די־אָ ווערטער איז:

— זיך איבערבעטן? מיט אלע קאָוועדן.

און אז נינא די גייענדיקע האָט אים דערלאַנגט דאָס טאַראַ־קוצל, האָט ער צו איר אוש ארויסגעצויגן ביידע הענט און מיט אזא זשעדנעקייַט — פּינקט ווי ער וואָלט דאָס גאַנצע לעבן זייַנס ארויסגעקוקט נאָר אף דער מינוט, ווען סע וועט זיך אים אייַנ־געבן א גראַנער טון מיט א טאַראַקוצל.

ער האָט לאַנג־לאַנג געגראַגערט. ביז ער איז געוואָרן שטאַרק מיד. און דערנאָך האָט ער זיך מיטשקע דעריינען אָנגערופן:

— איי, אוי, אוי, וואָס ס'האָט זיך מיר הייַנט געכאָלעמט!

און אלע זייַנען צוגעשטילט געוואָרן, און ס'האָט אָנגעקוועלט פאַר פאַרגעניגן. יעדערן איז געוואָרן קלאָר, אז אין דער זוניקער

קומען פאָר געשעענישן פון גרויסער געשיכטלעכער וויכטיקייט: ס׳שפּעלט זיך אָפּ די גרויסע פּאַרטיזאַנער־קריג, דאָ מאַכן שאָ־ לעם צווישן זיך צוויי פאַרביטערטסטע סאָנים. אין יעדערער האָט זיך באַמיט אינטערצוהאַלטן דעם שטויס, אַז דאָס איבערבעסן זאָל ניט ווערן צו נישט.

— וואָס־זשע האָט זיך דיר אויפגעלעכט געכאַלעמט? — האָט ליאַליא געפרעגט מיט אויסערגעוויינלעכן אינטערעס.

— א מייסע מיט צוציקן, — האָט אילקאָ געענטפערט.

— מיט אוועלכן צוציקן? — האָט סאָלאָמאָן געפרעגט.

— מיטן ווייסינקן, — האָט אילקאָ געענטפערט. — בא אונדז איז אמאָל געווען א ווייסינקער צוציק.

— און וויאַזוי האָט מען אים גערופן? — האָט מורישקינא געפרעגט.

— אָט אַזוי האָט מען אים טאַקע גערופן: צוציק, צוציק...

אילקאָס שטים האָט אָפּגעקלונגען מיט אַזאַ פרייד. מ׳האָט אים שוין געשענקט, מע האָט אים אַמניסטירט! אפילו סאָלאָמאָן אליין און פאַניא מורישקינא אליין רעדן מיט אים ווי מיט א גלייכן. פאר דער לעצטער צייט האָט ער זיך אזויפיל אָנגעשווינגן, אז ער האָט שוין איצטער געוועזן פאר צען. ווי ער האָט נאָר געענדיקט דערציילן וועגן צוציקן, האָט ער גלייך אין איין אָטעם גענומען דערציילן עפעס א מין וואונדערבאַרע געשיכטע וועגן איינער א שקאַפע כאַליאַווע, וואָס האָט געקענט לייענען און שרייבן. און דערנאָך האָט ער דערציילט וועגן אָדעסער זשוליקעס, און וועגן דערטרונקענע, און וועגן דרעסירטע פליי. ער האָט אָנ־ דערציילט אזויפיל ווילדע מייסעס, אז מע האָט אים געהערט ביז־ קעלע סאַמע אַוונטבראָיט. קיינער האָט אים שוין ניט געשריגן „שאַ“, נאָר אלע האָבן אים געבעטן:

— דערצייל נאָך עפּעס.

אַף מאָרגן אינדערפרי, בעשאַס אַדאַם אַדאַמיטש איז געקומען אַפן פּלאַץ, האָט ער דערזען, אז אילקאָס בעטל איז פון אויבן

ביז אראָפּ פול אונ פול מיט
די בעסטע אונ שענסטע זאכנ:
בובעס סאַראַקיצל אונ ענווערס
גלאָבוס, אונ עמעצנס קוביקעס,
אונ עמעצנס פּײַקל. אונ אילקאָ זיצט צווישנ אָט די־אָ אַלע פּראכטפולע אויצרעס, ער פּאַטשט מיט ליאַליעס פּאווע־פעדער אונ ער וושמורעט די אויגנ, פונקט ווי א קאָטער, ווענ סע כאָלעמט זיכ אים סמעטענע.

אדאם אדאמיטשנ איז עס זייער געפעלנ געוואָרנ. ער האָט גענומענ צושאָקלענ מיטנ קאָפּ אונ טאקטאקענ, ווי זײַנ שטײַגער איז: טאק־טאק־טאק־טאק־טאק.

ער האָט לאנג זיכ געריבנ פאר נאכעס די הענט. לאנג אונ מיט קיִעכ, פונקט ווי ער וואָלט זיי געשמירט מיט וואזעלינ. —

אונ דערנאָכ איז דאָס געזיכט בא אים געוואָרנ שרעקלעכ צע־קאָעסט, ער האָט א שטופּ געטאָנ די האנט צו זיכ אינ טשעמאָ־דאנדל אונ ארויסבאקומענ פונ דאָרט א הילצערנעם מאָדעל פונ אנ אעראָפּלאנ אָט האָט אים פײַערלעכ איבערגעגעבנ דעם זיבעטנ רינג, וואָס האָט גענומענ דאָס ערשטע אָרט אינעם געווינס מאכנ דעם שטײַגער.

אָבער דער זיבעטער רינג איז באשטאנענ פונ קלײנינקע מיידעלעכ. די מיידעלעכ האָבנ ניט געוווּסט, וואָס זאָלנ זיי טונ מיט זייער אעראָפּלאנ, אונ מע האָט זיי אנשטאָט אים בעסער ארויסגעגעבנ שפּיל־געפעס אונ אנ אײַזערנ אייוועלע. אונ דעם אעראָפּלאנ האָט מענ אָפּגעשענקט אילקאָען. אילקאָ האָט זיכ אזוי דערפרייט, אז ער האָט אפילע פארגעסנ זײַנ גע־ווײנלעכנ:

— אוי, טײַערינקע מײַנע, אוי, גאָלדענע מײַנע, אוי, בריליאנטע־נע מײַנע!...

6. אפנ שוועל פונ גרויסע ארבעטנ

פונ דאנ אָנ האָט אינ דער וויניקער קיטאַס אינגאנצנ אויפגעהערט די זידלערײַ־עפּידעמיע. ציבעלע איז טאקע געבליבנ דער אייגענער ציבעלע, וואָס קעסיידער. אָבער אילקאָ איז שוינ געוואָרנ אויס וואָרעם. אָט דאָס־אָ צונעמעניש האָט זיכ פונ אים אָפּגעקלעפּט. איצט האָט ער שוינ געהייסנ צוציק. אזעלכע צונעמענ, ווי „פּיפּיק" אונ „פּאציורע", זײַנענ אויכ פארגעסנ געוואָרנ אפ אייביק. נאָר איינ בּאראבּאנ בּאראבּאניטש האָט, ווי קעסיידער, ווי ס׳וואָלט דאָ גאָרניט פאָרגעקומענ, איבערגעכאזערט צו יעדנ פונ זײַנע פּאציענטנ: „אכ דו, אָפּורעלע־נאמודעלע! אכ דו, מארימאָנדע עגיפּטישע".

אָבער די כעווערע איז עס זייער געפעלנ, אונ זיי וואָלטנ בעשומויפנ ניט אײַנגעגאנגענ, ער זאָל זיי רופנ מיט אנדערע נעמענ.

בּובּא צוימט זיכ ווי ווײַט ער קענ, אָבער אַזעמאָל טראָגט עס אים אונטער, אונ דאנ איז כאָטש נעמ אונ פארשטאָפּ די אויערנ.

אייגנטלעכ, די לעצטע צײַט טרעפט זיכ עס בּיט אים אלצ זעלטענער אונ זעלטענער.

— דערפאר איכ בּינ הראמאָטנער, — גיט ער בּארימעריש אָנ (בּא אים קומט אויס: כראמאָטנער). אונ ער נעמט בּא ענוועגנ דעם גלאָבּוס אונ ער ווײַזט אפ אים וואָלגע—דאָנ אונ טורקסיבּ. קענענ בּאווײַזנ אפנ גלאָבּוס וואָלגע—דאָנ אונ טורקסיבּ קומט בּא אים אויס, איז די העכסטע דערגרייכונג פונ וויסנשאפט.

זײַנע קענטעניש זײַנענ נאָכ דערווײַל ניט אזעלכע גרויסע, אָבער איצטער איז שוינ קלאָר, ווי ווײַט ער האָט געגרײַזט, ווענ ער האָט זיכ אײַנגערעדט, אז דער מויעכ איז בּא אים ארומגעסמאלעט. דער מויעכ, לאָזט־זיכ אויס, איז בּא אים געווענ א מויעכ, ווי בּא אלע איבעריקע, אונ צום קומענדיקנ ערשטנ מײַ האָט ער אליינ אָנ קיינעמס הילפ מיט זײַנ אייגענער האנט צונויפגעשטעלט א ריזיקנ פלאקאט.

מיר, דער יונגער פּערבײַט,
מיר ארבעטער-קינדער,
מיר פּײַערנ
דעמ יאָנטיוו פונ ארבעט.

און אינ אָט די־אָ אלע פיר שורעס האָט ער ארומ און ארומ געהאט אינגאנצנ דרײַ גרײַזונ, אי דאָס עפּעס נישטיקע.

איצט פארשפּאַרט ער שוינ וויינענ, וואָס ער קענ נימ גאָרניט קיינ „נומערעס".

און אָט קומט איינמאָל צו גיינ צו די זוניקע אדאמ אדאמיטש און נעמט ארויס, אנ אָנגעריוגעוטער, פונ זײַנ טשעמאָדאנדל—וואָס מיינט איר, אשטייגער? — א גאנצ בינטל מיט כאפּעלקעס. און ער מעלדעט די כעווּרע, אז איצט, ווײַבאלד די דיסציפּלינ האָט זיכ באַ זיי פארפעסטיקט, קענענ זיי באקומענ צוריק זייערע כאפּעלקעס.

— כאפּעלקעלעכ טײַערינקע! כאפּאפּוטיקלעכ!

און נינא די גייענדיקע כאפּט טייקעפּ אונטער אָט דעמ־אָ גאנצנ בארג. זי לאָזט זיכ פונ בעט צו בעט, און יעדערער דער־קענט זײַנ כאפּעלקע און באגריסט זי מיט די צערטלעכסטע אויסגעשרייענ.

און די צײַט יאָגט דערווײַל, ווי א צוג.

אָט איז שוינ אריבער נאָכ אנ ערשטער מײַ. אָט איז שוינ דער זומער פארבײַ, אָט איז שוינ הארבסט, און פאמעלעכנ פאַ־מעלעכנ הייבנ אָנ סײַ בובא, סײַ פאניא מורישקינא, סײַ סעריאָזשא, סײַ ציבעלע, סײַ ליאליא איינס נאָכנ צווייטנ ציביסלעכווײַז געזונט ווערנ.

דער דאָקטער שטעלט זיי אפ די פיס און גיט יעדנ איינעמ קיליעס. ס'וואָלט אוואדע בעסער געווענ ארומגיינ אָנ קוליעס,

אָבער אויב אָן זיי קאָן מען ניט, איז שוין גלײַכער גיין אַז קוליעס אײדער אינגאנצן ניט קענען ארומגיין.

ס'הייסט, אַז די קוליעס איז אויך ניט מיטאמאָל גיין מען. די פיס זײַנען אונטער ליגן צופיל אָפגעשוואכט געוואָרן. און דאָס גאנצע פינף־שטיק קריכט ארום די ערשטע צײַט איבער דער זיניקער, קוים־קוים וואָס מע רירט זיך פון אָרט.

מע דערקריכט ביז עק פלאץ, און טייקעט צוריק אין בעטל — אָפרוען.

די פענעמער זײַנען בײַ זיי אלע דיקע, אָפגעברענטע, קײַלעכ־דיקע, רויטע: די כעוורע זײַנען פעט געוואָרן פון דער הינגער לופט.

— אוי, סארא מינע בורזשויעס איר זײַנט געוואָרן! — האלט זיי פיר זאָיא לחאָזנא און זי קוועלט.

די פיס קומען צו זיך ניט אזוי גיך, ס'דארף אָפנעמען א כאָדאָשים צוויי, ניט ווינציקער. און די כעווערע ווארטן און קענען ניט דערצײַען יענעם גליקלעכן טאָג, אז זיי זאָלן זיך, די גאנצע כאָפטע, אוועקלאָזן אף די קוליעס בארג־אראָפ צום טאמע ברעג יאַם, אהין, וווּ די האלב־נאקעטע מוליערס בויען פון זײערטוועגן דעם „פעווער", דעם פרעכטיקן שניי־ווײַסן פאלאץ, ווּו זיי וועלן וווינען און זיך לערנען.

אָט דעם־אָ פאלאץ האָבן זיי נאָך קײנמאָל ניט געזען, אָבער זיי ווייסן שוין וועגן אים לאכלוטן אלץ און ביז א פיצל, דערפאר ווײַל איזראיל מויסייעוויטש אינפאָרמירט זיי יעדן טאָג:

— מע גראָבט שוין דעם פונדאמענט.

— שוין געבראכט ציגל. שוין אויסגעווײַסט די צווייטע טעראסע.

— שוין אוועקגעשטעלט די דינאמאָמאשין.

— שוין אײַנגעריכטעט די טאָקער־ווערקשטעלן.

אילקאָ איז זיי מעקאַנע, אז א רויך גייט, אָבער נעכטן האָט דער דאָקטער דעמיאן יעמעליאַנישט אים געמאָלדן אין איבערבינד־קאבינעט נאָך לאנגע אויסקלאפעניש, אז זײַן פוס היילט זיך מיט

פעסטע טעמפּן, און בין די אָקציאָנפּער־טעג, אויב ס׳וועט זיך נאָר גאָרנים ניט טרעפן, וועט ער, מעגלעך, זיך אייך פּאַקן אהינ־אָ... פון יענער זײַט לעווידאָווער באַלקע.

און ער האָט אַ ווײַז געטאָן מיטן פינגער אין יענער זײַט, וווּ ס׳ברייט זיך דער גרויסער פּלאַץ.

———

איצט איז שוין דער־אָ פּלאַץ פאַרטיק. זאָלן די זוניקע לענגער זיך דאָרט פאַרהאַלטן און צוזאַמענגעסן. און דאַן וועל איך אָנשרײַבן אַ נײַ ביכל, ווו איך וועל דערציילן וועגן זייערע ווײַטערדיקע פאַסירונגען.

אינהאלט

I. באם ווארעכע יאמ

1. איין, כ'האב מיירע 3
2. דער חינוס 6
3. די באפעלטעס 8
4. ביבעלע אין אנדערע 13
5. ביבא 19
6. דער מיטינג 23
7. די יוניקע 26
8. ביי דער פאַרטערג 31
9. די בימע תאריא אין די שייעלבעלעכ 35

II. ליקווידירג דעם דורכרײַס

1. די פלאנעטע און די סאנ 39
2. אילקא 44
3. אלץ איז אויפגעשטייגנ צו אלרע רוכעסי 47
4. געהערט — באשטימט 55
5. שלאנגלער 62
6. עמערס 67
7. בובעס יעסורים 72

III. נײַע געוויסערס און נײַע פרײדן

ז״ז.

1. ערשטער פּײַן 77
2. די כאזוער־שפּאַס 85
3. דער שלאַנג 93
4. די ראַגזשענע סאָג 96
5. צוציק 103
6. אזן שפּיגל פֿין גרויסע ארבעטן 107